גליון
# באור החיים

פרשת אחרי-קדושים - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתע"ו

הגליון בשבוע זו נתנדב לעילוי נשמת
הרב החסיד ר' ישראל ברוך בן ר' יצחק יודא ע"ה גוטמאן
יארצייט ביום י"ד אייר - עש"ק אמור הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה אשר ענזיל (ברחמ"מ) סג"ל קרויס הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

**אחרי**

### צריכין לעשות מצות השם בחיות ובשמחה

**וחי בהם אני ה'.**

פירוש, שהמצות צריך להיות בבחינת חי, בחיות פנימי, ודרשו חז"ל וחי בהם ולא שימות בהם, שלא יקיימם בבחינת מת, היינו בגוף לבד בלי נשמה וחיות.

ועל זה אמר דוד המע"ה (תהלים קטו יז) לא המתים יהללו קה, פירוש ממצוה הנעשית בבחינת מת בלי חיות פנימיות, אין שמו יתברך מתהלל, וכן אמר הכתוב (שם קיח יז) לא אמות כי אחיה ואספר מעשה קה, היינו דבעת שאספר מעשי קה, היינו בעת קיום התורה והמצות, לא אהיה בבחינת מת, כי אם בבחינת חי.

(עבו"ע פתג"ק וירא)

### השי"ת מקרב את בני ישראל ומשתוקק לשכון בתוכם

**אל תטמאו בכל אלה כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם וגו', ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם.**

שמעתי מפ"ק של כ"ק אאמו"ר זי"ע בעת שדרש לפני הציבור הפירוש מהמגיד מדובנא זי"ע, שאמר בדרך משל, איש עשיר שכר מלמד לבנו, והיות כי קשה לשכור מלמד לילד אחד לבדו, צירף עמו גם ילד אחר בן עני, והמלמד התאונן כי הילדים אינם שומעים לקולו, ואינם מקשיבים ללימודו, והלימוד אינו מצליח, בא העשיר ושלח את בן העני מפניו ואמר לו שיחזור לבית אביו, ואל בנו פנה בדברי תוכחה שיתקן את מעשיו והיה מייסרו בשבט, אמר בן העשיר אל אביו, למה אתה אוהב את בן העני יותר ממנו, כי רק אותי מייסר ולא אותו, והשיב לו אביו, מה שאינו מייסר את בן העני, אין זה מחמת אהבה אליו, אלא מפני שאינו בני, וכיון שאינו מתנהג כדבעי, אני משלחו מפני ואין לי לדאוג עבורו, אבל אתה, הלא בני אהובי אתה, ומפני אהבתי אליך, אין רצוני לשלחך מפני, לכן אני צריך ללמדך ולייסרך עד שתתשפר מעשיך.

כך אמר הקב"ה לבני ישראל, 'אל תטמאו בכל אלה, כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם', כי הגוים אשר מטמאים א"ע בכל התועבות הללו, אני משלח אותם מפני, ואין להם חלק בארץ, אבל אתכם איני רוצה לשלח, כי אתם בני אהובי, וזהו שאמר 'ולא תקיא הארץ

המשך בע' ב

נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר לב טוב ומטיב לכל רודף צדקה וחסד מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
מוה"ד חיים יוחנן כהנא הי"ו
לעילוי נשמת זקינו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' ישראל משה דוד בן ר' יחזקאל ע"ה רייזלער
היארצייט חל ביום ט' אייר הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
פרנס פעולות האיחוד לחודש אייר
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעוכ"י

**ברצה בעצמותי חרפונו צוררי, "באמרם אלי" די מקטריגים פרעגן, "כל היום איה אלקיך" וואו איז דיין התקשרות צום אייבערשטן א גאנצע טאג?**

(פתג"ק ח"ב פ"ב)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **מענדל מאיר יאקאבאוויטש** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הולדת נכדיו התאומים למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דורך דעם וואס מען איז עוסק אין די תורה קען מען ווערן אפגעהיטן פון א עבירה

קדושים תהיו וגו', איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו, חז"ל אין די מפרשי הפסוקים, שטעלן זיך אויף די סמיכות המקראות, וואס איז די שייכות פון די מצוה פון מורא אב ואם, מיט די מצוה פון קדושים תהיו, אין די מצוה פון מורא אב ואם צו די מצוה פון שמירת שבת.

נאר מ'קען מרמז זיין אין דעם על דרך המוסר, אז נאכדעם וואס די פסוק זאגט קדושים תהיו, וואס דאס מיינט אז א מענטש דארף זיין אפגעשיידט פון א תאוה און פון א עבירה, וועט א מענטש טראכטן וויאזוי איז מעגליך פאר מיר צו מקיים זיין די מצוה, כ'בין דאך ארומגענומען מיט א חומר לב ומגושם און שווערע נסיונות, און די יצר הרע ברענט אין מיר און ער ציט אלץ צו תאוות עוה"ז, איז וויאזוי קען איך זיין בכח מלחמה צו האלטן מיט אים.

פארדעם גיבט אונז די תורה א עצה, 'איש אמו ואביו תיראו', אביו ווייזט אויף די תורה שבכתב, וואס ווערט אנגערופן אבא, און אמו ווייזט אויף די תורה שבע"פ, וואס ווערט אנגערופן אמא, אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק אויפ'ן פסוק, שמע בני מוסר אביך, דאס איז תורה שבכתב, ואל תטוש תורת אמך דאס מיינט תורה שבע"פ, און דאס איז די עצה וואס די פסוק לערנט אונז, אז מען זאל עוסק אין די תורה וואס ווערט אנגערופן אבא ואימא, און דורך דעם תיראו, וועט עטץ זוכה זיין מורא צו האבן פונעם אייבערשטן, און זיין אפגעהיטן פון א תאוה און א עבירה, און מקיים זיין די מצוה פון 'קדושים תהיו' ווי עס דארף צו זיין, און דאס שטייט אין פסוק נאכדעם 'ואת שבתותי תשמורו', שבתות" מיט צוויי תווי"ן וואס דאס ווייזט אויף ביידע חלקים פונעם שבת, די חלק החיצוני פונעם שבת וואס דאס איז די שמירת שבת, און די חלק הפנימי פונעם שבת, וואס דאס איז אז א מענטש זאל זיך מדבק זיין און דעם אור ה' וואס ווערט נתגלה אין שבת.

און דאס זאגט די פסוק, 'קדושים תהיו', ענק זאלן זיין פרושים מן התאווה ומן העבירה, און נאכדעם די מצוה פון 'איש אמו ואביו תיראו', אז מען זאל זיך מדבק זיין אין עסק התורה וואס ווערט אנגערופן אבא ואימא, און דערנאך שטייט 'ואת שבתותי תשמורו', מיט צוויי תווי"ן, דאס מיינט צו זאגן אז דורך דעם וועלן ענק זוכה זיין צו היטן ביידע בחינת פונעם שבת, צו זיך מדבק זיין אין דעם אור הפנימי פונעם שבת, און ענקער נפש וועט זאט ווערן פונעם אור האהבה, וואס ווערט נתגלה אום שבת.

(עבודת עבודה פתג"ק)

המשך מע' א

אתכם כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם', כי הארץ נתתי לפניכם, ואנה אשכון אם לא בתוך בני ישראל, לכן אני מזהירכם שלא להיטמאות בכל אלה, כדי שאוכל לקבץ אתכם מן הגליות, להשיבכם על אדמתם ולשכון בתוככם.

(עבו"ע פתג"ק תרומה)

קדושים

## העיקר מוסר צריך להוכיח את עצמו

**הוכח תוכיח את עמיתך.**

נראה לבאר כפל הלשון 'הוכח תוכיח את עמיתך', דידוע מאמר חז"ל (ב"מ קז:) קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים, דהיינו שאי אפשר לומר מוסר לחבירו, אלא אם כוונתו בעת דיבורו לומר לעצמו ולאחרים מוסר.

ובזה יש לרמז הפסוק 'הוכח תוכיח את עמיתך', 'הוכח' פי' כשתוכיח את עצמך, תוכל להוכיח גם 'את עמיתך' עמך ביחד, ואז 'ולא תשא עליו חטא' במה שאתה מוכיח לאחרים, כיון שעיקר כוונתך להוכיח את עצמך.

(עבו"ע דב"ק שבועות)

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **משה חיים הכהן שווארץ** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א וואָרט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

# א תורה אויף די פרשה

## פרשת אחרי

### אחרי מות - קדושים

מען קען זאגן א שייכות פון די צוויי פרשיות, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (ברכות ס"ג), אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, אז 'אחרי מות', נאכדעם וואס מ'איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין אויף די תורה, 'קדושים', קען מען ווערן געהייליגט פאר'ן אויבערשטן.

(אך פרי תבואה)

### אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימתו.

לכאורה איז זייער שווער, פארוואס דארף שטיין נאכאמאל אין דעם פסוק 'וימותו', עס שטייט דאך שוין 'אחרי מות'.

נאר דער מדרש זאגט דער טעם פארוואס די שני בני אהרן זענען געשטארבן, ווייל זיי האבן געטוהן די עבודה אן דעם מעיל, פרעגט אויף דעם דער רא"ש, דער מעיל איז דאך די בגדים פונעם כהן גדול, און זיי זענען דאך געווען כהנים הדיוטים, האבן זיי דאך נישט געדארפט האבן קיין מעיל בשעת זיי האבן געטוהן די עבודה.

ענטפערט דער רא"ש, אז וויבאלד זיי זענען אריין געגאנגען 'לפני ולפנים' האבן זיי זיך דאך געהאלטן אז זיי האבן א דין אזוי ווי א כהן גדול, - ווייל א כהן הדיוט טאר דאך נישט אריין גיין לפני ולפנים, - ממילא איז דאך זיי געקומען מיתה, ווייל ממה נפשך, אויב האבן זיי געהאט א דין פון א כהן הדיוט, האבן זיי נישט געמעגט אריינגיין אין קדשי קדשים, און אויב האבן זיי געהאט א דין פון א כהן גדול, וואלטן זיי דאך געדארפט האבן דעם מעיל בשעת זיי טוהן די עבודה.

לויט דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט דעם פסוק, 'אחרי מות שני בני אהרן', און ווי דער מדרש זאגט אז דער טעם איז ווייל זיי האבן נישט אנגעהאט דעם מעיל בשעת די עבודה, ווערט שווער די קשיא פון דעם רא"ש, זיי זענען דאך געווען כהנים הדיוטים, און א כהן הדיוט דארף נישט האבן קיין מעיל, דעריבער זאגט דער פסוק ווייטער 'בקרבתם לפני ה'' ווייל זיי זענען אריין געגאנגען לפני ולפנים, און אויב האבן זיי א דין פון א כהן הדיוט, טארן זיי דאך נישט אריין גיין אין קודש קדשים, מוז מען דאך על כרחך זאגן אז זיי האבן געהאלטן אז זיי האבן א דין פון א כהן גדול, וועגן דעם זענען זיי אריין לפני ולפנים, אויב אזוי האבן זיי יא געדארפט אנטוהן דעם מעיל, ווייל אויב מען טוט די עבודה ווען מען איז א מחוסר בגדים איז מען חייב מיתה, דעריבער פירט די פסוק אויס נאכאמאל 'וימותו' זענען זיי ממה נפשך געשטארבן, אדער ווייל זיי האבן א דין פון א כהן הדיוט, אדער ווייל זיי האבן געהאט א דין פון א כהן גדול.

(ילקוט האורים)

### אחרי מות שני בני אהרן.

עס ווערט געברענגט אין מדרש, כיון שראה איוב מיתת שני בני אהרן אמר (איוב לז, א) אף לזאת יחרד לבי.

לכאורה איז זייער שווער, וועלכע שייכות האט די מעשה פון איוב מיט די מיתת בני אהרן, און פארוואס פונקט יעצט האט זיך איוב דערשראקן.

נאר מען קען עס מסביר זיין לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (סוטה יא.), שלשה היו באותה עצה, בלעם איוב ויתרו, איוב ששתק נידון ביסורין. האט איוב לכתחילה געמיינט אז זיין שווייגן איז נישט קיין עוולה, און דערפאר וועט אים נישט קומען א שטראף.

אין א אנדערע פלאץ אין חז"ל ווערט געברענגט, פארוואס נדב און אביהוא האבן באקומען די שטראף (סנהדרין דף נב.), וכבר היו משה ואהרן מהלכין בדרך ונדב ואביהוא מהלכין אחריהן וכל ישראל אחריהן, אמר לו נדב לאביהוא, אימתי ימותו שני זקנים הללו ואני ואתה נהגיג את הדור, אמר להן הקדוש ברוך הוא, נראה מי קובר את מי.

לכאורה איז שווער, נדב איז געווען דער וואס האט עס געזאגט, אבער אביהוא האט גארנישט געזאגט, איז פארוואס איז ער אויך געשטראפט געווארן? מוז דאך זיין, אז איבער הערט מען און מען זאגט גארנישט אנדערש, נאר מען שווייגט, ווערט דאס פונקט אזוי גערעכנט אלס עבירה ווי דער וואס האט יא גערעדט.

דערפאר אז איוב האט געזען די מיתת 'שני' בני אהרן, אויך פון אביהוא וואס האט געשוויגן, האט ער פארשטאנען אז ער האט אויך נישט געטוהן גוט אז ער האט געשוויגן, האט ער גלייך געזאגט 'אף לזאת יחרד לבי'.

(נחל קדומים)

## פרשת קדושים

### קדשים תהיו כי קדוש אני ה' אלקיכם.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט 'קדשים' אהן א ו' און 'קדוש' מיט א ו'.

נאר א איד וואס וויל שטייגן אין עבודת ה', דארף וויסן אז וויפיל ער וועט שטייגן העכער און העכער, וועט ער קיינמאל נישט אנקומען צו א שלימות, ווייל וויפיל מען שטייגט איז נאך אלץ דא העכער און גרעסער פון דעם.

וועגן דעם שטייט 'קדשים תהיו' אהן א ויו, אבער די קדושה פון דער אייבערשטער איז גאנץ, דערפאר שטייט 'כי קדוש אני' מיט א ויו.

(מהר"ש מבעלזא)

### את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו.

מען קען זאגן א פשט פארוואס עס שטייט ומקדשי תיראו גלייך נאך די מצוה פון שבת, לויט די מאמר חז"ל, כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתו, זאגט אבער דא די פסוק, 'את שבתותי תשמורו' היט אפ דעם שבת און פריי זיך אין דעם טאג שבת, און אפי' ווען דאן נישט מתאבל זיין על ירושלים וועט זיין 'ומקדשי תיראו' און זוכה זיין צו זעהן דעם בנין בית המקדש.

(תפארת שלמה)

### לא תלך רכיל בעמך לא תעמוד על דם רעך.

מען קען מסביר זיין די שייכות צווישן די צוויי איסורים. אז כאטש דער איסור פון לשון הרע איז זייער א גרויסע עבירה, אבער אויב ווייסט מען אז איינער וויל יענעם שלעכטס טוהן אדער הרג'ענען מוז מען יענעם איבערגעבן פאר בית דין, כדי ער זאל זיך קענען ראטעווען פון דעם וואס וויל אים הרג'ענען, און אויב ער וועט אים נישט דערציילן און עס וועט פאסירן אן אומגליק איז ער שולדיג.

דאס זאגט דער פסוק, 'לא תלך רכיל' זאלסט נישט רעדן קיין רכילות און קיין לשון הרע, אבער אויב וויל איינער שלעכטס טוהן פאר א צווייטן, איז דא א ציווי פון 'לא תעמוד על דם רעך'.

(אור החיים הק')

# א מעשה אויף די פרשה

### לא תלין פעלת שכיר.

ווי באקאנט איז דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע געווען גאר א גרויסער ארימאן, און האט זיך נישט אלעס געקענט ערלויבן צו קויפן ביי זיך אין שטוב, אריינגערעכנט נייע קליידונג.

איינמאל פאר א יום טוב האט זיך רבי ר' זושא שטארק אנגעשטרענגט צו שאפן געלט און קויפן נייע סחורה, כדי אויפצונייען א נייע קלייד פאר זיין רעבעצין, און פארשאפן א שמחת יום טוב, אבער

המשך בע' ה

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **משה יחיאל מערמעלשטיין** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## שאלות ותשובות שונות

### א

### שאלה: נאך פסח ווען אסאך היימישע אידן פירן זיך אז מען עסט נישט עפעס וואס איז געווען פארקויפט אין חמץ, און איינער וויל געבן תיקון עפעס וואס איז געווען פארקויפט פארן גוי, דארף ער ארויסשטעלן א צעטל אז דאס איז פון פאר פסח, אלץ לפני עיור, אדער היות ס'איז נאר א חומרא דארף ער נישט מודיע זיין?

**תשובה:** לאמיר קודם זען ווי איז די מקור אז מען עסט נישט חמץ נאך פסח, אפילו מען האט עס פארקויפט פארן גוי.

על פי הלכה מעג מען עסן נאך פסח אפילו חמץ גמור וואס מען האט פארקויפט פאר א גוי, אבער דער גר"א האט מחמיר געווען אלץ חשש אז אפשר איז די מכירה נישט געווען אויסגעהאלטן על פי הלכה, און אזוי האט זיך געפירט רעק"א, און נאך גדולי ישראל.

דער הייליגער זידיטשויבער זי"ע האט מחמיר געווען נאר ביז דריי טעג נאך פסח.

און עס זענען דא חסידים ואנשי מעשה וואס זענען מחמיר ביז שבועות, און אזוי האט זיך געפירט דער שר שלום פון בעלזא, רבי מרדכי'לע פון נדבורנא, און נאך צדיקים זי"ע.

און עס איז דא צוויי טעמים אויף דעם, 1. ווייל ביז דעמאלסט איז שוין זיכער נישט געבליבן פון פאר פסח, 2 וויבאלד פון פסח גרייט מען זיך שוין צו קבלת התורה, איז מען מער מחמיר צו עסן מאכלים וואס זענען אינגאנצן אויסגעהאלטן, אזוי ווי דער רמ"א שרייבט אז עס זענען דא וואס זענען מחמיר און עסן נישט פת פלטר עשרת ימי תשובה.

היינטיגע צייטן וואס מען קען באקומען א גאנץ יאר חמץ פון פאר פסח, איז די טעם וועגן קבלת התורה.

יעצט איז די שאלה צי ווען איינער האט יארצייט צי ער מעג געבן תיקון עפעס וואס איז געווען פארקויפט אין חמץ.

דער רמ"א שרייבט (יו"ד סימן קיט ס"ז) מי שנוהג באיזה דבר איסור מכח שסובר שדינא הוא הכי, או מכח חומרא שהחמיר על עצמו, מותר לאכול עם אחרים שנוהגין בו היתר, דודאי לא יאכילוהו דבר שהוא נוהג בו איסור.

פון דעם איז משמע אז אפילו אויף א חומרא איז שייך לפני עיור, לויט דעם קען זיין אז אויך אויף די חומרא, איז שייך לפני עיור.

אבער דער פתחי תשובה (שם) ברענגט פון שו"ת חיים שאל (ח"ב) אז אין ספר דרך המלך שטייט, אז אויב איינער האט חמץ שעבר עליו הפסח, און איינער וויל עסן דערפון, דארף נישט דער בעל החמץ זאגן אז דאס איז חמץ שעבר עליו הפסח, וויבאלד דער איסור צו עסן חמץ שעבר עליו הפסח איז נאר אלץ קנס, און דאס איז נישט שייך פאר א צווייטן מענטש, און ער פירט אויס אז עפעס א חכם האלט אז מען דארף אים יא זאגן, און אז ער איז מסכים צו אים.

עס קען זיין אז דאס איז נאר ביי חמץ שעבר עליו הפסח, אבער ביי חמץ וואס איז פארקויפט געווארן פאר א גוי, איבערהויפט מעל, וואס מען קען להלכה פארקויפן פאר א גוי, איז יעדער מודה אז מען נישט מחויב צו זאגן.

עכ"פ ביי אונזער שאלה איז מסתבר אז מען דארף נישט חושש זיין דערויף, וויבאלד דער המון עם איז נישט מקפיד אויף דעם, דעריבער דער וואס איז מחמיר דארף אליין מברר זיין צו דאס איז פון פאר פסח, אדער פון נאך פסח.

### ב

### שאלה: א איד גייט ארום, נאך געלט פאר הכנסת כלה, ביי די מנינים פון שחרית, און ער האט נאך נישט געדאווענט, מעג ער דאווענען נאך זמן תפלה, ווייל עוסק במצוה איז פטור מן המצוות, ואם תמצא לומר אז עס איז מותר, וואס איז די הלכה ווען עס קומט שוין חצות מוז ער יא דאווענען?

**תשובה:** די הלכה איז העוסק במצוה פטור מן המצוה, און כל שכן ווען עס איז א מצוה עוברת, ווי ביי אונזער פאל, ווייל רוב מנינים זענען פאר זמן תפלה, און אויב מען וועט דאווענען פאר זמן תפלה וועט מען פארלירן אסאך מענטשן.

און אזוי שרייבט דער בוטשאטשער רב (סימן פ"ט) אז ווער עס איז עוסק בצדקה, מעג דאווענען נאך זמן תפלה, און כאטש מען פארלירט דורכדעם די שכר מצוה בזמנה, פונדעסטוועגן באקומט מען דאך שכר אויף דעם וואס מען איז עוסק בצדקה, וואס דאס איז פון די זאכן וואס זענען אוכל פירותיהן בעוה"ז, והקרן קיימת לעוה"ב.

איך האב געזען פרעגן פארוואס זאגט ער נישט דעם טעם, ווייל העוסק במצוה פטור מן המצוה, וועגן דעם ווערט ער נישט נגרע פון די שכר תפלה בזמנה.

עס קען אפשר זיין, אין זוהר הקדוש פרשת בלק שטייט א מעשה מיטן זין פון רבי המנונא סבא, וואס ווערט אנגערופן 'ינוקא דבלק', אמאל זענען די הייליגע תנאים רבי יצחק און רבי יהודה געווען אין די שטאט פקיעין, און זיי זענען געגאנגען באזוכן רבי המנונא סבא, און דער ינוקא האט זיי נישט געוואלט געבן שלום עליכם, וויל ער האט בקבלה אז ווער עס ליינט קריאת שמע, באקומט א ריח גן עדן, און אזוי ווי זיי האבן נישט דעם ריח גן עדן, קען ער זיי נישט געבן שלום, האבן זיי אים געזאגט אז זיי האבן יא געליינט קריאת שמע, אבער נישט בזמנה, ווייל זיי זענען געגאנגען נאך געלט פאר הכנסת כלה פאר א ארימע יתומה, און כל העוסק במצוה איז פטור מן המצוה.

פרעגט דער הייליגער עטרת צבי זי"ע פארוואס טאקע האבן זיי נישט באקומען דעם ריח גן עדן, זיי זענען דאך געווען

פטור פון קריאת שמע, ענטפערט ער אז כאטש זיי זענען געווען פטור פון ליינען קריאת שמע, און זיי ווילן באקומען שכר אזוי ווי זיי וואלטן געליינט קריאת שמע, אבער דאך קענען זיי נישט באקומען דעם ריח גן עדן, ווייל סוף כל סוף האבן זיי נישט געליינט בזמנה.

זעט מען פון דעם אז מען באקומט טאקע שכר אזוי ווי מען וואלט מקיים געווען די מצוה, אבער די ריח הגן עדן באקומט נאר דער וואס ליינט קריאת שמע בזמנה, דאס זעלבע איז ווער עס עוסק בצדקה, וועט באקומען שכר אזוי ווי ער האט געדאווענט, אבער שכר מצוה בזמנה פארלירט ער, דעריבער זאגט דער בוטשאטשער רב, אז כאטש מען פארלירט די שכר תפלה בזמנה, וועלן זיי באקומען שכר צוליב די צדקה, וואס זענען אוכל פירותיהן בעוה"ז, והקרן קיימת לעוה"ב.

## הלכה למעשה

לכתחלה דארף מען מסדר זיין אז מען זאל דאווענען גאנץ פרי, וואס דעמאלטס זענען נאך נישט דא אזוי פיל מנינים, אבער ווען דאס איז שווער צו טון, אדער בדיעבד מען האט נישט אנגעיאגט צו דאווענען, מעג מען צוליב דעם דאווענען נאך זמן תפלה, אבער מען זאל נישט דאווענען צוליב דעם נאך חצות.

און אזוי איז באקאנט אז דער הייליגע רבי זי"ע האט שטארק מקפיד געווען אז מען זאל דאווענען פאר סוף זמן תפלה, אבער פאר די וואס גייען נאך געלט האט ער געזאגט אז זיי מעגן דאווענען נאך סוף זמן תפלה, אבער נישט דאווענען נאך חצות.

בדיעבד אויב עס האט זיך פארצויגן ביז נאך חצות, קען מען מער נישט דאווענען, און עס איז גאר א שאלה צי מען מעג דאווענען צוויי שמנה עשרה'ס ביי מנחה לתשלומין, ווייל אויב מען איז פטור אלץ עוסק במצוה, איז נישט שייך קיין תשלומין, אזוי ווי מען טרעפט ביי א אבל רח"ל.

*

עס איז כדאי מעורר צו זיין אז עס האט זיך לעצטנס פארמערט אפילו חשוב'ע יונגעלייט וועלכע דאווענען אפילו לכתחלה נאכן זמן תפלה, און לויט ווי עס זעט אויס איז דא א חסרון ידיעה אין די הארבקייט פון די הלכה, וויל איך עס אויסשמועסן אין קורצן.

עס שטייט אין די גמרא (ברכות כ"ח ע"א) "כל המתפלל תפלה של שחרית לאחר ארבעה שעה, עליו הכתוב אומר נוגי ממועד אספתי", זאגט רש"י אז זיי וועלן זיין בצער, ווייל זיי האבן עובר געווען אויף די זמן תפלה.

אין שלחן ערוך (סימן פ"ט ס"א) ווערט געפסק'נט מיט דעם לשון: אם טעה או עבר והתפלל אחר ד' שעות עד חצות, אף על פי שאין לו שכר כתפלה בזמנה, שכר תפלה מיהא איכא, ואחר חצות אסור להתפלל תפלת שחרית.

דער משנה ברורה שרייבט, פון די פוסקים, אז איינער וואס האט נישט געדאווענט במזיד, טאר בכלל נישט דאווענען, און כדי יוצא צו זיין אלע פוסקים, זאל מען דאווענען בתורת נדבה (מ"ב סימן פ"ט ס"ק ו').

קומט אויס אז ווען איינער דאווענט נאך זמן תפלה, אן קיין שום סיבה, לויט אסאך פוסקים איז ער בכלל נישט יוצא דאס דאווענען, און אויב ער איז א אונס, פארלירט ער שכר פון תפלה בזמנה, דעריבער דארף מען שטארק מקפיד זיין זיך אויסצושטעלן דעם טאג טעגליכן סדר, צו דאווענען כאטש אין די צווייטע זמן תפלה.

די ספרים הקדושים שרייבן, אז איינער וואס איז זיך קובע צו דאווענען יעדן טאג נאך זמן תפלה שלא במקום אונס, איז ער מיט דעם מכריז ומודיע פאר די גאנצע פמליא של מעלה, "איך דארף נישט די שכר פון תפלה בזמנה", און וויאזוי קען אזא מענטש ערווארטן אז ווען עס מאכט זיך ביי אים חלילה א חולה, און ער בעט זיך "רפאינו ה'" אפילו מיט טרערן, אז זיין תפלה זאל נתקבל ווערן.

און ווער רעדט נאך ווען איינער דאווענט נאך חצות, אפילו נאר באקראי, היעלה על הדעת אז אזא תפלה קען נתקבל ווערן?! דער אייבערשטער איז דאך מלא צער פון אזא דאווענען, על פי הלכה טאר מען שוין נישט דאווענען שחרית אין דעם טאג אפילו מען האט נישט געדאווענט צוליב א אונס, איינער וואס איז א אונס קען נאר דאווענען צוויי שמונה עשרה'ס ביי מנחה לתשלומין, און איינער וואס דאווענט יא נאך חצות, אויף אים איז געזאגט געווארן, אין זה מברך אלא מנאץ, און עס קומט אויס אז ער האט בכלל נישט געדאווענט שחרית אין דעם טאג, און יעדע ברכה וואס ער געזאגט איז א ברכה לבטלה.

המשך מע' ג

ווי פארוואונדערט איז ער געווארן, ווען ער האט געזעהן ערב יום טוב, אז זיין ווייב דרייט זיך ארום אביסל צוגעלייגט, נאכן פרעגן פון זיין רעבעצין וואס עס האט פאסירט, האט דער רעבעצין געענטפערט 'איך האב נישט קיין קלייד'. האט דער רבי ר' זושא געפרעגט מיט וואונדער, איך האב דאך אליין איבערגעגעבן פאר דיר די סחורה, האט אים די רעבעצין דערציילט, אז ווען דער שניידער האט געענדיגט נייען דאס קלייד, און עס איר געברענגט, האט ער ארויסגעלאזט א קרעכטץ, ווען זי האט אים געפרעגט פארוואס ער קרעכצט, האט ער געענפערט אז זיין טאכטער איז נישט לאנג צוריק א כלה געווארן און ווען זי האט דערזעהן אז ער נייט א קלייד, איז זי געוועהן זיכער אז מן הסתם איז דאס פאר איר, און ווען זי איז געוואויר געווארן אז נישט, האט זי געהאט עגמת נפש. און הערענדיג די ווערטער האט די רעבעצין אים תיכף אהינגעגעבן דאס קלייד, אלס מתנה פאר זיין טאכטער די ארימע כלה, דעריבער האב איך נישט קיין קלייד אויף יום טוב.

דער רבי ר' זושא הערט אויס וואס זיין רעבעצין דערציילט, און פרעגט איר באלד, און באצאלט פאר זיין ארבעט האסטו? וואונדערט זיך די רביצין וואס הייסט באצאלט, איך האב דאך אוועקגעגעבן פאר אים דאס גאנצע קלייד. האט דער רבי ר' זושא אויסגערופן צום רעבעצין, דער ארימער שניידער האט דאך געארבעט א גאנצע וואך פאר דיר און נישט פאר זיין טאכטער און ווען ער האט געענדיגט זיין ארבעט האט ער געווארט צו באקומען פון דיר געלט פאר זיין ארבעט, כדי צו קענען מפרנס זיין דערמיט זיינע בני בית, און יעצט האט ער נישט קיין געלט, זיין ארבעט געלט דארף מען באצאלן! הערענדיג די רייד פון איר הייליגן מאן, האט די רעבעצין געבארגט געלט און געלאפן באצאלן פאר'ן שניידער זיין ארבעט געלט פאר די קלייד פון זיין טאכטער .

# פתיחת כלים בשבת

כו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדעות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף ג - צוזאמ-געשמאלצענע כלים

עס איז דא א חידוש פון חזו"א, אז עפענען קענס (אויסער די שאלה פון מאכן א פתח) איז דא דערביי אן איסור פון מאכן א נייע כלי. ווייל א פארמאכטע קען (וויבאלד עס איז צוזאמגעשמאלצן פון אלע זייטן) הייסט דאס נישט קיין כלי, און יעצט ווען ער עפנט די קען מאכט ער א נייע כלי.[1]

אבער אזעלכע קענס וואס געווענליךליידיגט מען עס אויס גלייך נאכן עפענען, און מען ווארפט דאס אוועק אין גארבעדזש, איז יא מותר. ווייל עס הייסט נישט אז ער האט געמאכט א 'גוטע כלי' אויף צו נוצן, נאר עס הייסט אז ער האט געמאכט א 'צובראכענע כלי' (וויבאלד דער סדר איז נישט צו נוצן די כלי נאר עס צו אוועקווארפן, ווערן דעם רעכנט זיך עס ווי א צובראכענע כלי).

אזעלכע קענס וואס דער סדר איז אז מען ליידיגט נישט אויס נאכן עפענען (אזוי ווי קענס פון ניס, פינאטס, מאנדלן, א.ד.ג. זעה ווייטער אין פרק ח' סעיף א'), טאר מען עס נישט סתם אזוי עפענען (ווייל לויטן חזו"א הייסט דאס אז מען מאכט א נייע כלי' אזוי ווי עס איז פריער ערקלערט), נאר מען דארף קודם מאכן א לאך אונטן פונעם קען, אזוי אז עס זאל מער נישט זיין ראוי אויף צום נוצן, און נאכדעם מעג מען עס עפענען (און דעמאלסט הייסט עס נישט אז ער האט געמאכט א כלי, וויבאלד עס איז שוין צובראכן ווייל עס האט שוין א לאך אונטן).

[1] כאטש מיר האבן געשריבן אין פרק א' סעיף ג', אז קענס האבן די הלכה פון 'חותלות' (ד.ה. געמיינע כלים ביי וועלכע עס איז נישט דא דער איסור פון "בנין וסתירה"), אבער מאכן א נייע כלי איז אסור אפילו ביי 'חותלות' ווערן די איסור פון מכה בפטיש, אזוי ווי עס איז ערקלערט אין פריערדיגן סעיף.

## פרק ג
## די איסור פון מאכן א פתח [עפענונג \ לאך] אין א כלי

### סעיף א - די איסור פון מאכן א פתח

אזוי ווי עס איז ערקלערט געווארן אין פריערדיגן פרק, טאר נישט מאכן אן עפענונג [פתח] אין א פארמאכטע כלי, ווייל עס איז א 'תולדה' פון מכה בפטיש (זעה פרק ב' סעיף א'), און דאס איז שייך אפילו ביי שוואכע כלים וואס הייסן 'חותלות' (זעה פרק א' סעיף ב').

### סעיף ב - להכניס ולהוציא

מן התורה איז נישטא קיין איסור ווען מען מאכט א עפענונג [פתח], נאר אויב די עפענונג איז געמאכט סיי אויף ארויסצונעמען און סיי אויף אריינצולייגן [להכניס ולהוציא]. אויב די עפענונג איז געמאכט נאר אויף ארויסצונעמען, איז עס נישט אסור מן התורה, אבער עס איז יא אסור מדרבנן.

אין רוב פעלער ווען מען וויל עפענען שבת פארמאכטע כלים, איז די עפענונג געמאכט נאר אויף ארויסצונעמען דאס וואס עס ליגט דערין (ממילא איז עס נאר א איסור דרבנן), עס איז אבער דא פארשידענע כלים וואס די עפענונג איז געמאכט סיי אויף ארויסצונעמען און סיי אויף אריינצולייגן (וואס דעמאלסט איז דאס א איסור דאורייתא), ווי צום ביישפיל ביים עפענען א באקס פון מצה (זעה פרק ט' סעיף ג') וואס די עפענונג איז געמאכט סיי אויף ארויסצונעמען מצות און סיי צוריק אריינצולייגן מצות, ווייל ווען מען נעמט ארויס א מצה נאר פאר לחם משנה א.ד.ג. לייגט מען עס געווענליך שפעטער צוריק אין די באקס.

געווענליך איז נישט קיין חילוק צו די עפענונג איז געמאכט נאר אויף ארויסצונעמען אדער אויף אויף אריינצולייגן, ווייל מדרבנן ווערט עס סיי ווי זיין אסור צו עפענען. נאר אין געוויסע פעלער (צ.ב. ווען עס איז זייער וויכטיג - לצורך גדול) קען מען ביי אן איסור דרבנן מער מקיל זיין צו עפענען 'דורך א גוי', אבער דאס קען מען נישט אליינס פסק'נען, נאר מען דארף יעדעס מאל פרעגן א מורה הוראה.

### סעיף ג - אן איינמאליגע פתח

אויב מאכט מען אן עפענונג אין א כלי כדי זיך באנוצן דערמיט נאר איינמאל, צ.ב. אז מען נעמט ארויס די גאנצע עסנווארג אדער טרינקען פון די כלי און מען ווארפט אוועק די כלי, (אזוי ווי עס איז דער שטייגער צו טון מיט קענס, אדער קליינע פאטעיטא טשיפּ בעג'ס א.ד.ג. אז מען עסט אויף די גאנצע אויף איינמאל) דעמאלסט האט דאס נישט קיין דין פון א 'פתח'.

עס איז וויכטיג צו באמערקן: אז זיך באנוצן מיט די עפענונג נאר 'איינמאל', מיינט נישט דוקא אז מען נעמט גלייך ארויס די גאנצע עסנווארג אן קיין הפסק, נאר אפילו אויב מען עסט עס אויף צוביסלעך, נאכן אביסל און נאך אביסל, ביז עס ווערט ליידיג (אדער למשל אויב מען עפנט עס קען א סאדע אינמיטן א סעודה, און דורכאויס די סעודה טרונקט מען עס אויס), און ווען עס ווערט ליידיג באנוצט מען זיך מער נישט מיט די כלי, האט דאס נישט קיין דין פון א 'פתח'.

אבער אויב מען עסט נישט אלעס אויף יעצט, נאר מען לאזט איבער אביסל אויף שפעטער, אדער אויב מען לייגט אוועק די ליידיגע כלי אויף צו איבערנוצן נאכאמאל, דעמאלטס האט עס יא א דין פון א 'פתח'.

### סעיף ד - א פתח נישט אויף צו איבערנוצן

לויט דעם כלל וואס איז ערקלערט אין פריערדיגן סעיף, קומט אויס אז אויב

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ישראל שימאנאוויטש** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## אחרי קדושים

### ואהבת לרעך כמוך

הרה"ק ר' משה לייב סאסוב'ער זי"ע פלעגט יעדן טאג פאר'ן דאווענען בשעת'ן זאגן די ווערטער 'הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך' האט ער זיכער געמאכט אז עס זאל זיין פיו ולבו שוין, אז ער האט טאקע ליב יעדע איד פונקט ווי אים.

איין טאג אינמיטן זיך צוגרייטן צום דאווענען איז אנגעקומען א איד און אים געבעטן צו עסן, האט אים רבי משה לייב סאסוב'ער צוגעזעצט צום טיש און אים סערווירט עסן, און דער איד האט נישט געוואלט מאכן קיין ברכה, האט אים רבי משה לייב געפרעגט פארוואס ער מאכט נישט קיין ברכות, האט ער אים אנגעהויבן צו באזידלען, און רבי משה לייב איז געווארן זייער מבולבל פון דעם, און ווען ער האט זיך געוואלט שטעלן דאווענען, ווען ער האט געזאגט די ווערטער 'מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך' האט ער אריינגעטראכט אז וויאזוי קען איך אזוי שטארק ליב האבן אזא קל ווי די פראסטע מענטש.

נאכדעם האט ער אריינגעטראכט, אז עס שטייט אין מדרש אז ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע פעלקער ברענגען מתנות פאר משיח, און לכאורה וועלכע מתנות קענען די פעלקער ברענגען פאר משיח, נאר די מפרשים זענען מסביר אז אלע פעלקער גייען זיך אומקוקן בײ זיך צו זעהן צו עס איז דא א איד צווישן זיי, און זיי וועלן צוזאמען נעמען אלע נדחי ישראל מארבע כנפות הארץ, און זיי ברענגען צו משיח, און לכאורה איז שווער צו פארשטיין, וועלכע איד וועט מען דארפן ברענגען צו משיח, יעדער וועט דאך אוודאי לויפן קעגן משיח מיט איין שמחה, נאר זיכער רעדט מען פון אזעלכע אידן וואס ווארטן נישט אויף משיח, און עס גייט זיי נישט אהן אז משיח קומט, אזעלכע אידן וועט מען דארפן ברענגען צו משיח.

האט רבי משה לייב סאסוב'ער אריינגעטראכט אז אויב אזעלכע סארט אידן ווערן אנגערופן א מתנה פאר משיח, מן הסתם וועט זיך משיח פרייען צו זיי, און עס וועט אים זיין א חשיבות צו האבן אזעלכע אידן, אויב אזוי מעג איך אים אויך האלטן חשוב און אים מכבד זיין, און מען קען מקיים זיין מצות ואהבת לרעך כמוך אויך בײ אזא סארט איד.

*

א ענליכע ענין ווערט געברענגט פון ספרים ווי מען זעהט די חשיבות פון א יעדע איד אפילו די שוואכסטע איד, אז מרדכי ואסתר האבן גוזר תענית געווען פאר דרײ טעג, איינער פון די טעמים אויף דעם איז געווען, וויבאלד דעמאלטס איז געווען פסח און ווען עס קומט פסח קומט זיך צוזאמען די גאנצע פמליא של מעלה מיטהאלטן די סדר וואס די אידן פראווענען, און ווען די פמליא של מעלה וועלן זעהן די יאר פסח אז די אידן פראווענען נישט קיין סדר און עס וועט פעלן די נחת רוח פונעם אייבערשטן, וועט מען מבטל זיין די גזירה כדי עס זאל נישט פעלן די נחת רוח פונעם סדר די אלע קומענדיגע יארן.

איז לכאורה וועמענס סדרים האבן געפעלט אויבן אין הימל, עס קען נישט זיין אז די צדיקים, ווייל זיי האבן געקענט מיט יחודים פראווענען א סדר פונקט ווי זיי וואלטן געגעסן מצה מיט ד' כוסות, און די זעלבע די ערליכע אידן זיכער געהאט א רצון און א השתוקקות צו פירן א סדר, און מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, אויב אזוי האט זייער סדר אויך נישט געפעלט אין הימל, נאר וואס דען, דוקא די אידן וואס עס גייט זיי נישט אהן אז מען זאגט זײ אז די יאר מאכט מען נישט קיין סדר, אזעלכע סדרים האט געפעלט אין הימל, און אפילו צוליב זייער סדרים איז געקומען די גאולה בימי אחשוורוש.

*

מען וועט צוענדיגן מיט וואס רביה"ק זי"ע זאגט די וואך אין פתג"ק, אז אלעס וואס שטייט דא אין פרשת קדושים, 'לא תשנא', 'לא תקום', 'לא תטור', 'ואהבת לרעך כמוך', דאס אלעס זענען עדות אויף וואס די תורה הייבט אן 'קדושים תהיו', אז דורך די אלע הלכות קומט מען צו צו קדושה (זעה מער באריכות אין מדור 'דער הייליגע רבי זאגט').






המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר מענדל מרדכי זיכערמאן הי"ו (לעיקוואד)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע

**דעם קומענדיגן דינסטאג פרשת אמור, י"א אייר הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן ראפשיצער רב זי"ע, הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ בן הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע און שפעטער פון הרה"ק רבי יעקב יצחק מ'לובלין, און פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מ'רימינוב זכותם יגן עלינו.

דער ראפשיצער רב איז געבוירן געווארן ביום פטירתו פון בעל שם טוב הק', ז' סיון שנת תקכ"כ, און זיין תלמיד הרה"ק מ'צאנז זי"ע האט געזאגט אז עס איז אויף זיין רבי'ן דעם ראפשיצער רב מקוים געווארן דער פסוק "ובא השמש וזרח השמש".

דער ראפשיצער רב האט מחבר געווען די ספרים "זרע קודש" על התורה ועל המועדים, "ספר אילה שלוחה" על התורה.

ער איז נפטר געווארן י"א אייר שנת תקפ"ז לפ"ק.

דער ראפשיצער רב זי"ע האט ווי באוויסט געהאט א הייליגע מנהג צו אויסציערן זיין סוכה מיט די טייערסטע און שענסטע כלים און נוי סוכה. ער האט זעלבסט אויסגעשניצט די הערליכע שטערנס און נוי סוכה. די סכך האט ער אליין ארויף געלייגט, און נישט געלאזט מ'זאל איהם צוהעלפן. נישט איינמאל האט פאסירט אז ער האט אוועק געגעבן זיין גאנצע פארמעגן כדי צו באציערן זיין סוכה.

סוכות ביינאכט נאכן דאווענען פלעגט ער אריין גיין אין סוכה מיט א מארש-ניגון וואס די חסידים האבן אונטער געזינגן. אנקומענדיג צום סוכה, איז ער געבליבן שטיין און פריי געלאזט דאס פלאץ פארענט פון זיך, ווי ער וואלט מכבד געווען די אושפיזין אריין צו גיין ערשט אין דער סוכה. און אין דער סוכה איז געשטאנען אויבן-אן א הערליכער שטול אנגעגרייט פאר די אושפיזין.

האט פאסירט איינמאל ערב סוכות אינדערפרי האט זיך דער ראפשיצער רב אוועק געשטעלט ביים שוועל פון דער סוכה און געזאגט פאר זיין רעבעצין: "איך האב אויפגעשטעלט דער סוכה מיט מיין לעצטע געלט וואס איך האב פארמאגט. איך האב דאס אויסגעצירט מיט די שענסטע 'נוי סוכה', און יעצט בין איך געבליבן ליידיג און קיין גראשן.

זיין רעבעצין האט גארנישט געקענט ענטפערן דערויף, און דער ראפשיצער רב איז זיך אוועק געגאנגען אין בית המדרש. און אין דער צייט ווען ער איז געזעצן אין בית המדרש, איז אנגעקומען א פרעמדער גאסט צו איהם אין שטוב. מ'האט באלד דערקענט לויט זיין קליידונג אז ער איז א פרעמדער פונדערווייטענס. דער גאסט שטעלט אוועק זיינע פעקלעך, און ער פרעגט די רעבעצין



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י' אייר | הרה"ק שר בית הזוהר רבינו יצחק אייזיק יהודה יחיאל בן רבינו אלכסנדר סענדר זי"ע - מ'קאמארנא - היכל הברכה | תרל"ד |
| י"א אייר | הרה"ק רבי נפתלי צבי בן רבי מנחם מענדל זי"ע - מ'ראפשיץ - זרע קודש | תקפ"ז |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ח' אייר | הרב החסיד ר' זיידא ישראל חיים בן ר' אלקנה סג"ל ע"ה קרויס | תשכ"ט | ביה"ח בניו דזערסי |
| ט' אייר | האשה החשובה מרת בילא בת ר' שרגא הלוי ע"ה גאנדל<br>אשת הרה"ח ר' יודא ע"ה | תשפ"ב | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ג אייר | הרב החסיד ר' ישעיהו בן ר' שלום דוב ע"ה סילווער<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשע"ג | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |
| י"ד אייר | הרב ר' מרדכי יצחק ע"ה בן הרה"ג ר' אלימלך הלוי שליט"א טירנויער | תשס"ג | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ד אייר | הרב החסיד ר' ישראל ברוך בן ר' יצחק יודא ע"ה גוטמאן | תשל"ד | ביה"ח סט. סעפי |

וואו אהין דער רב געפינט זיך אצינד.

די רעבעצין האט זיך גאר שטארק געוואונדערט, און אנגעפרעגט דעם נארוואס אנגעקומענדע גאסט 'וואס דארפט איר אצינד פונעם רב'. הייבט דער גאסט אן פארציילן 'איך קום פון זייער ווייט, פון וויען, און איך דארף פארן קיין לעמבערג, און אזוי ווי היינט איז ערב סוכות, וויל איך פרעגן דעם רב צו איך קען איינשטיין ביי איהם אויף יום טוב'.

די רעבעצין האט תיכף אנגעגעבן פארן גאסט אז ער קען גערן איינשטיין ביים רב אויף יום טוב, אבער עס טוהט מיר זייער לייד אייך צו מעלדן אז מיר זענען נעבעך גרויסע ארימעלייט און מיר האבן גארנישט קיין געלט אנצוגרייטן אויף סעודות יום טוב. דער רב האט אויסגעניצט דאס גאנצע געלט איינצוקויפן נוי סוכה צו באצירן דעם סוכה. געצווינגענערהייט וועלן מיר יוצא זיין סעודות יום טוב מיט אן אלט שטיקל ברויט וואס מיר האבן און א קליינע הערינג.

די רעבעצין האט באלד אריין געפירט דעם גאסט אין דער סוכה, און געוויזן ווי שיין דער רב האט דאס געמאכט. דער גאסט האט באלד ארויסגענומען פון קעשענע אביסל געלט, און דערלאנגט דאס פאר די רעבעצין ז' זאל שנעל גיין אין געשעפט איינקויפן עסן לכבוד יום טוב.

פארנאכטס איז דער גאסט געגאנגען אין בית המדרש דאווענען. נאכן דאווענען האט ער זיך צוגעשטיפט צום רב און געבעטן ער זאל איהם מיטנעמען עסן אין זיין סוכה. אבער דער ראפשיצער רב האט אים באלד געענטפערט אז ענדערש זאל ער פרובירן ביי די עשירים פון שטאט, צוליב וואס ער האט נישט וואס צו געבן אויף סעודות יום טוב.

"וואס איהר וועט עסן וועל איך עסן, אבי נעמט מיך אריין אין סוכה!" - ענטפערט דער גאסט. און זיי גייען ווייטער אין וועג.

ווען דער ראפשיצער רב איז אנגעקומען צו דער סוכה, האט ער זיך אפגעשטעלט ביים טיהר, און מיט א טרויעריגע הארץ זיך אנגערופן: "סוכה סוכה, איך האב געטוהן אלעס וואס איך האב געקענט איך זאל דיך אויסצירן וואס שענער און שענער, איך האב דיך באדעקט מיט נייע פרישע סכך, אבער יעצט שעם איך זיך אריין צו גיין אין דיר, ווייל איך ווייס אז די רעבעצין האט אפילו נישט אנגעגרייט א חלה צו מאכן "המוציא" אין דער סוכה.

און אזוי האט דער ראפשיצער רב געעפענט די טיר פון דער סוכה. ווי איבערראשט איז ער אבער געווארן ווען ער האט געזעהן אז די טיש איז באלאכטן מיט שיינע ליכט אויף א ווייסע טישטוך, און אויפן טיש שטייט אנגעלייגט פון אלע בעסטע עסענווארג, חלות, וויין, פיש, פלייש, און די קינדער שיינען פון שמחה.

דער ראפשיצער רב האט גארנישט געפרעגט ווער עס האט געברענגט די אלע מאכלים, נאר ער האט זיך אנגערופן צום גאסט: 'זעהט איר, דער באשעפער האט אונז נישט פארלאזט!, איך בין געווען כמעט זיכער אז די ערשטע סעודה וועל איך יוצא זיין מיט אן אלטע טריקן שטיקל ברויט, דער רבונו של עולם פארלאזט נישט קיין איד! מן הסתם איז דאס אין אייער זכות, ווי אזוי הייסט איהר'?

'מיין נאמען איז אברהם' — ענטפערט די גאסט, - 'אזוי גאר, אברהם! פונקט אזוי ווי דער אושפיזין פון דער ערשטער טאג, אברהם אבינו, אט דא שטייט דער בענקל פאר די אושפיזין, ביטע זעצט אייך אוועק אויף דעם בענקל!' האט דער ראפשיצער רב באפולן מיט פרייד.

אזוי איז דער סעודה אריבער מיט גרויס פרייד, נאכן סעודה האט דער ראפשיצער רב מיט גאסט 'אברהם' אנגעהויבן טאנצן און לויבן דעם באשעפער מיט גרויס התלהבות אויף די גרויסע חסדים וואס ער האט געוויזן, און אזוי האבן זיי געטאנצן כמעט א גאנצע נאכט.

פארטאגס האט זיך דער ראפשיצער רב צוגעלייגט אויפן בעט וואס איז געווען אנגעגרייט אין דער סוכה, און ער האט געוויזן פארן גאסט א צימער אין זיין הויז ווי ער קען זיך לייגן שלאפן.

אינדערפרי ווען דער רב איז אויפגעשטאנען צו גיין אין מקוה, און בענטשן שנעל אויף די ד' מינים, האט ער געוואלט אויפוועקן דעם גאסט אז ער זאל מיטגיין מיט איהם אין מקוה, אבער ווי איבערראשט איז ער געווארן ווען ער האט נישט געטראפן דעם גאסט נישט אין הויז און נישט אין דער סוכה, זיינע פעקלעך זענען אויך נישט געווען אויף זייער פלאץ. דער ראפשיצער רב האט זיך פארגעשטעלט אז ווי עס שיינט איז ער שוין געגאנגען אין מקוה, אבער אין מקוה איז ער אויך נישט געווען. דער ראפשיצער רב האט דאן באפולן פאר עטליכע חסידים זאלן גיין זיכן ארום די גאנצע שטאט, און אים פרובירן צו געפינען ערגעצוואו, אבער אן ערפאלג.

ערשט דאן האט דער ראפשיצער רב פארשטאנען אז דער גאסט 'אברהם' איז נישט געווען קיין אנדערע ווי 'אברהם אבינו' אליין וואס איז געקומען צו איהם אלץ אושפיזין, אין זכות פון זיין געטריישאפט צום מצות סוכה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**












לטובת אלפי קוראי גליונינו הנפלא נתחיל להביא כאן מדי שבוע בשבוע עפ"י סדר, מנהגי והליכות אבינו רועינו כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, מתוך ספר הנפלא הליכות הלוי העומד ליכנס לדפוס, וצפייתינו נקוה שתהי' להנאה ולעונג רוחני לכלל אנ"ש, כדי שנוכל לדבק בדרכיו, וזכרו לא ימיש מאתנו עד עולם.

### סימן א'

# השכמת הבוקר

בהיות ענין ההשכמה וההכנה לתפלה היתה יסוד במשנתו של רבינו, שהיה מרבה תמיד לעורר ולחנך בהדרכותיו בזה לכלל התלמידים, לכן נקדים תחלה מהדרכותיו. ולאחר מכן יתואר פרטי הליכותיו בקודש בזה.

## גודל נחיצות ההשכמה

א. היה מעורר רבות בשיחותיו, בגודל התועלת והנחיצות להשכים באשמורת הבוקר לעסוק בתורה ועבודה כהכנה לתפילה, וכמו שמפורש בשו"ע (או"ח סי' א ס"א) 'יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו שיהא הוא מעורר השחר'. וזה אחד מהיסודות שקבעוהו הבעש"ט הק' ותלמידיו זי"ע, ובפרט אצל רבותינו הק' לבית זידיטשוב וקאמרנא זי"ע, שקבעו זאת לעיקר גדול בעבודת השי"ת.

וזה נחוץ מאוד (א), כי כדי לזכות להתפלל בפנימיות הלב, ולהרגיש את אור ה' בעת התפילה, צריך להכניע קודם את חומריות הגוף, ולהלהיב בקרבו את אור הנשמה, וזאת אי אפשר כי אם על ידי עסק התורה המתשת כחו של אדם, והזמן המובחר לזה הוא באשמורת הבוקר שאז אור ה' הוא בגילוי יותר, וכאשר האדם מתעורר משינתו לעסוק בתורה, ממשיך על עצמו רצון העליון וחיות אלהות [א]. ובפרט שזוכה לחבר את היום והלילה בעסק התורה א) שענינו גדול מאוד על פי סוד.

### מעיינות הלוי

א) כתב בספר ראשית חכמה (שער הקדושה פ"ז אות נא, צד) וז"ל, מוכח בכמה מקומות בזוהר, שעיקר ההשכמה לקרוא בתורה הוא לקשור את הלילה ליום וכו'. ובמעלת הקושר לילה ביום על ידי עסק התורה, ביאר הכתוב באומרו 'הנה עין ה' אל יראיו למיחלים לחסדו להציל ממות נפשם ולחיותם ברעב' (תהלים לג, יח), ועין ה' פירשו באדרת, שהוא עינא פקיחא דאריך וכו', ובודאי שהעושה זה, הוא מתקן מדת צדיק עם השכינה שנמשך לו ולהם

### עבודת הלוי

**סימן א**

(א) הסביר את טעמו מדוע מרבה לעורר על כך, היות וזה יסוד להצלחה בתורה ועבודת השם ומידות טובות, כי הכל בתר רישא גריר, וכשמתחילים את היום בהשכמה וביגיעת התורה באשמורת הבוקר, אזי נמשך כל סדר היום לתורה ועבודה.

אמנם כדי לזכות לזה, צריךהאדם להרגיל עצמו לזמנים קבועים של

### בארות הלוי

[א] הנהיגו תלמידי בעש"ט הק' ליסוד ועיקר גדול, לעסוק בלימוד התורה באשמורת קודם התפילה, כי כדי שיזכה האדם להתפלל בפנימיות הלב, ולהרגיש את אור ה' בעת התפילה, צריך להכניע קודם את כח חומריות הגוף, ולגלות בקרבו את אור הנשמה, וזאת אי אפשר כי אם על ידי עסק התורה המתשת כוחו של אדם.

מה שאין כן כאשר הוא עומד להתפלל בלא הכנה מקודם, ובלא עסק התורה,

## מעיינות הלוי

חוט של חסד.

ובמג"א (סי' א סק"א) כתב וז"ל, בשל"ה (מסכת חולין, דרך חיים ד"ה ועתה ארשום) כתב סוד לחבר יום ולילה בתורה או בתפלה, הן בבקר הן בערב, ע"כ.

וכתב בשו"ע הרב (סי' א' סעיף ח), וטוב לחבר יום ולילה בתורה או בתפלה, הן בבוקר הן בערב.

ובספר תולדות יעקב יוסף (פרשת נח עה"פ עשה לך תיבת עצי גופר) כתב, ועצה יעוצה לעסוק בתורה קודם התפלה ולאחר התפלה, ויהיה עסק התורה בדחילו ורחימו שהם י"ה (תיקוני זוהר תכ"א נ.), ואז מתעברין קדרותא וחשיכא של עננים הנ"ל מן צלותא, ואז יוכל להתפלל בכוונת הלב ובמחשבה זכה וכו', כי מיום שחרב ביהמ"ק נפסקה חומת ברזל (ברכות לב, ב) שהם קדרות החושך ועננים כנ"ל, ואין תקנה כי אם ע"י עסק התורה, ע"כ.

ובצעטיל קטן (אות י) כתב, יזהר מאוד בהתמדת הלימוד שיעורין כסדרן תיכף ומיד אחר קומו משנתו, ואחר תיקון חצות והצעטיל קטן לא יזוז מהספר שלומד בו אפילו שעה אחת, כי יראה בכל כחו שלא לעסוק שום הפסק אפי' במחשבה אחרת זולת מחשבת הלימוד וכו', כי המאור שבה יחזירנו למוטב, ע"כ.

וכתב הרה"ק מקאמארנא זי"ע בספר זהר חי (ח"א דף קעת, ח"ב דף שמב) וז"ל, הרבה בעלי רוח הקודש אבותינו הקדמונים הזהירו לנו לחבר יום ולילה, ולילה ויום, בתורה ותפלה, וגם מרן האר"י הזהיר כשיניח לישון יהיה זהיר לעמוד קודם אור הבוקר להיות ניעור ועוסק בתורה ועוד דברים וכו', שיש יחוד למעלה עת רצון גדול לומר סליחות ותחנונים בעת ההוא וכו', והסכים כך מורי דודי רבינו הקדוש צבי לצדיק, ע"כ.

ובספרו שלחן הטהור (סי' רלט זר זהב סק"ב) כתב, כללו של דבר, לאנשים כערכינו טוב לישן ביום איזה שעות שיהיה שינתו קל בלילה, ויעמוד בחצות לילה להלל את קונו ובוראו במוח צח ויפה, וכיון שכוונתו לשמים עולה נשמתו לצרור החיים גם ביום, וכך נהגו כל רבותי הקדושים מורי מו"ה יעקב יצחק מלובלין ז"ל, ומורי אברהם יהושע העשיל ממעזיבוש [האוהב ישראל], ומורי דודי ר"צ מזידיטשוב, ומורי רבינו נפתלי מראפשיטץ, וכל תלמידי מרן הריבש"ט, ע"כ.

ובספרו נוצר חסד (פ"ג מ"ד) כתב, כי אין בעולם דבר גדול מן הלימוד של לילה אחר חצות דוקא, ומזהיר לנפשו ומשרה עליו שכינה, וזוכה לרוח הקודש אמת מפנימיות, ולכמה מעלות טובות לאין שיעור, וכמעט כל בחינת היהדות תלויה בזה ע"כ.

ובנו הרה"ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע בספרו דמשק אליעזר כתב וז"ל, בהקדמת הזוהר (דף י' ע"ב) הכי הוי עבדי חסידי קדמאי וכו', ובזמנא דאתערו בליליא, אסחו ידייהו וקיימין לעאן באורייתא. מכאן משמע כשקם בר ישראל בעל נפש ממטתו, אל ילך תיכף ומיד להתפלל תפלת שחרית, אלא דייקא צריך ללמוד בתחלה כל מה שיכול ללמוד כל אחד כפי השגתו ומדרגתו, והוא כדי שיתקדש גם כן פיו ולשונו, ע"כ.

ובספר תפארת שלמה (רמזי פורים, על הפסוק ובבואה לפני המלך אמר עם הספר ישוב מחשבתו הרעה כו' (אסתר ט, כה)) כתב, הנראה לרמז בזה עפ"י מ"ש בספרים, כי העצה הנכונה להנצל ממחשבות זרות בשעת התפלה, שיכין את עצמו קודם התפלה בלימוד התורה הק', וזה הרמז בפסוק הנ"ל, 'ובבואה לפני המלך' זה מלך מלכי המלכים הקב"ה לעמוד בתפלה, 'אמר עם הספר' ע"י שלמד בספר, 'ישוב מחשבתו הרעה', יבטל כל המחשבות רעות בשעת התפלה, ויהיה תפלתו זכה צלולה וברורה, ע"כ. וראה עוד מקורות להלן במעיינות הלוי (סימן ח הערות א- ב).

## עבודת הלוי

זמן שכיבה וזמן קימה, וע"י ההרגל בהנהגה זו זוכה האדם לקבוע בנפשו חוזק וחוסן שיוכל לבטל את היצר הרע כל ימי חייו, ולשעבד את עצמו ורצונו לקיים רצון השי"ת, ממילא מי שלא נזהר בהנהגה זו, עלול ליפול ביד היצה"ר ולהילכד ברשתו כל ימי חייו, ולכך הרבה לעורר על הנהגה זו.

היה אומר בלשונו הזהב: את היצה"ר שוברים רק עם השכמה, וכשמשכימים קום לומדים, אבלאם נשארים ניעורים עד שעה מאוחרת, אז יכולים להסתובב בבטלה ובריקנות.

גם לבחורים שרצו לקיים הענין של 'משמר' להיות ניעורים כל ליל שישי, הגם שזה דבר טוב לכשעצמו, אבל מטעם סדרי הישיבה לא הסכימו בהנהלה שבחורים יסתובבו כל הלילה ללא השגחה, ונכנסו לשאול את חוות דעתו הקדושה, ונענה ואמר: 'אויב עטץ ווילט מיר נאכמאכן, זאלט עטץ מיר אין אלעס נאכמאכן', כלומר, אם אתם יכולים לעשות הכל כמוני, אז אתם יכולים גם להיות ניעורים כל הלילה.

## בארות הלוי

קשה שיזכה להרגיש אור וחיות הנשמה בתפילה, ומקיים מצות תפילין קריאת שמע ותפילה בחיצוניות לבד, כמצות אנשים מלומדה. וכן בכל דבר מצוה צריך הכנה בלימוד התורה לפניה, כי על ידי התורה זוכה להרגיש אור ופנימיות המצוה (דבר"ק ח"ב עמ' קסב).

מקודם יש לעורר על ענין שלשת התפילות, שכדי שיזכה האדם להתפלל תפילותיו בכל יום בכוונה נכונה, צריך לעשות לזה הכנה דרבה מקודם, כי היצר ממציא לכל אדם כמה מיני טירדות ומחשבות זרות בשעת התפילה, ובלי עבודה והכנה ראויה לפני התפילה, אי אפשר להשיג מה היא עבודת התפילה.

לכן צריך למסור נפשו לקום באשמורת הבוקר להכין עצמו לתפלתו כראוי, בלימוד התורה קודם התפילה, וללמוד בעיון בספרי מוסר וחסידות, ועל ידי ההכנה הראויה יזכה בעזר הבורא ב"ה, לטהר מחשבתו ולבו מן הטרדות אשר היצר מעלה בקרבו, ולהתפלל בלב זך ונקי (דבר"ק ח"ב עמ' רלח).

עלינו להזדרז עתה מיד, לשכב בזמן, כדי לקום לעבודת הבורא בבוקר השכם, כי זה היה הראשון בדרך הצדיקים הללו של בית זידיטשוב וראזלא, לקום קודם אור היום, לעסוק אז בתורה ועבודה, וכמבואר הרבה פעמים בספר הזוה"ק, כי לפני אור היום היא עת רצון מיוחד, והשעה מסוגלת אז ביותר להתקרב אל ה'.

והלא הדרך אשר התהלכתם בה עד הנה, איננה דרך הצדיקים, כי אם דרך הגוף, כי הגוף אוהב למלאות תאותו בשינה מרובה עד אור היום, וכאשר כבר עומד ממטתו, והולך לטבול במקוה, אינו מכוין לטהר נפשו, כי אם לענג גופו ברחיצה במים חמים, כי מביט רק על החלק הגופני של כל דבר, וכאשר כבר נכנס לביהמ"ד ללמוד, מכין לו מיד תה חם וקפה חם, כדי שהכל יהיה מוכן כפי רצונו, ולא יצטרך להתאמץ כלל, וכל עסקו בתורה אינה אלא בכוונה חיצונית, לשמוע סברא נאה או קושיא נאה ותירוץ נאה ופלפול נאה, ואינו מכוין אל הפנימיות, להידבק בתורת ה', ובעת התפילה עומד בקרירות, כאבן דומם, אומר את התיבות מן השפה ולחוץ, וממתין שיוכל לגמור תפילתו, כל זה הוא דרך הגוף.

אבל דרך הצדיקים הוא לקום באשמורת הבוקר אף כאשר הגוף חפץ להמשיך בשינה, כי משתוקק וממתין מתי כבר יוכל לפתוח פיו, לדבק את עצמו אל אל חי בתורה ותפילה, ובקומו ממטתו רץ לטבול במקוה, כדי לטהר את עצמו לפני בוראו, כי יודע שעל ידי הטבילה במקוה נעשה כלי ראוי שתשרה השכינה בקרבו (שיח"ק ח"ג עמ' יד).

אזוי זענען דא אסאך ענינים וואס ווערן געברענגט אין שו"ע, און דער מענטש מיינט ס'איז נאר א מנהג אדער א חומרא, ס'איז נאר על פי האר"י, דער שו"ע הייבט זיך אן (סי' א) יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו שיהא הוא מעורר השחר. נו, טוט מען אזוי (בתמיה), ס'איז נישט קיין חומרא, ס'שטייט אינעם ערשטן מחבר, און וואס ס'שטייט ווייטער אין שו"ע, ווי אזוי ס'דארף אויסצזעהן די נטילת ידים צופרי, און ווי אזוי מ'דארף זיך צוגרייטן צו א דאווענען, און ווי אזוי דאס דאווענען דארף אויסזעהן, אזוי נאך און נאך זאכן, אז מ'זאל מקיים זיין וואס ס'שטייט אין שו"ע, קען מען ווערן א קדוש וטהור. מיטן שו"ע אליין קען מען ברענגן משיח'ן, נאר מ'דארף נאך צו דעם א פירוש, אלעס וואס די ספרים הק' זאגן, קומט מסביר צו זיין וואס דער שו"ע מיינט, דער איז מסביר דעם פינטעלע, דער אן אנדערע פינטעלע, אלעס איז צו פארשטיין ווי אזוי מ'דארף זיך פירן על פי שו"ע (שפתי קודש עמ' קעב).

## המשך הלכות תפילין

### בדיקת תפילין ותיקונם

עפ"י הלכה, תפילין וואס זענען שוין איינמאל געווען מוחזק אלס כשר, דארף מען נישט קיינמאל נישט בודק זיין[1], מ'דארף נאר געבן צו בודק זיין אויב מ'טוט עס אן לפרקים, און דעמאלטס דארף מען בודק זיין צוויי מאל אין א שמיטה, דאס הייסט צוויי מאל אין 7 יאר.

אבער ס'ריכטיג צו געבן בודק צו זיין פון צייט צו צייט, ווייל ס'קען נתקלקל ווערן פון שווייס[2], און אויך ווייל היינט לייגט מען עס נאר בשעת'ן דאווענען, פירט מען זיך דערמיט ווי א תפילין וואס מ'לייגט נאר לפרקים. דעריבער זענען דא וואס האלטן עס צו געבן צו בודק זיין צוויי מאל אין 7 יאר[3]. (ס'כדאי צו פרעגן א סופר ווען מ'זאל עס געבן צו בודק זיין, ווייל צופיל בודק זיין קען נאר מקלקל זיין די תפילין).

### חציצה

ס'שטייט אין די הייליגע תורה ביי תפילין של יד 'על ידך', און ביי תפילין של ראש 'בין עיניך', דעריבער האבן חז"ל גע'דרשנ'ט אז מ'טאר מען נישט האבן אפילו א קליינע חציצה צווישן די תפילין און די מענטש.

דאס הייסט אז ביי די ערשטע רינג (היקף) וואס מ'מאכט מיט די רצועה אויפן האנט, און אזוי אויך די חלק רצועה וואס נעמט ארום די קאפ, זאל נישט זיין אינצווישן קיין חציצה[4].

אויב די 'רצועה' איז מפסיק צווישן די תפילין און די מענטש, ווי למשל ביי די 'בית' פון די תפילין של יד, איז א מחלוקה אין די פוסקים אויב ס'הייסט א חציצה, און לכתחילה איז ריכטיג צו מחמיר זיין[5].

במקום צורך, אז מ'האט א בענדעידש אדער גיפס ביי די 'מקום הקשר', קען מען בדיעבד לייגן כרגיל, מיט א ברכה[6]. (אויב ס'נישט שווער זאל מען משתדל

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים

מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס

ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

זיין, אז לכל הפחות בזמן קריאת שמע און שמו"ע, זאל די תפילין זיין אויפן גוף אן קיין חציצה)[7].

אויב די בענדעידש אדער גיפס איז אויפן דארטן ווי די 'תפילין אליין ליגן', זאל מען לייגן דעם של יד אן א ברכה[8], און מ'זאל מאכן צוויי ברכות ביים של ראש[9].

ביי די מקום הרצועות דארף מען מעיקר הדין נישט מקפיד זיין אויב איז דא א חציצה. אבער לכתחילה איז ראוי צו לייגן די כריכות פון דעם של יד אויפן מענטש אליין[10]. (אזוי אויך איז ראוי צו חושש זיין ביי די דריי כריכות אויף די פינגער[11]. אויפן חלק הרצועה פונעם של ראש וואס ליגט אויפן בגד, איז מען נישט מחמיר[12]).

ביים של ראש זאל מען בודק זיין צו די קאפל איז נישט חוציץ צווישן די תפילין און די קאפ.

ס'איז ראוי גוט אפצואווישן די קאפ נאכן מקוה, אבער אז די האר איז אביסל נאס געבליבן, איז דאס נישט קיין חציצה[13].

### איבערגעדרייטע רצועות/תפילין

ס'איז מקובל 'הלכה למשה מסיני' אז די רצועות פון די תפילין - סיי פונעם של יד און סיי פונעם של ראש - זאל נישט ליגן אויפן מענטש איבערגעדרייט[14].

בעיקר דארף מען אכטונג געבן אויף די רצועה וואס איז מהדק די תפילין, דאס הייסט, די רצועה וואס נעמט ארום די הענט די ערשטע מאל נאכן הידוק, און די רצועה וואס נעמט ארום די קאפ.

אלס נוי המצוה איז ראוי צו נזהר זיין אויך אויף די רצועות וואס ליגן אויף די זרוע, און די רצועות וואס קומען אראפ פון די של ראש אויף די בגדים פון פארנט[15].

אויב די רצועה האט זיך איבערגעדרייט בשוגג, דעמאלט'ס סיי אויב דאס איז די רצועה וואס נעמט ארום די של ראש, און סיי אויב ס'איז די רצועה וואס איז אויפן קיבורת, וואס דרייט ארום די ערשטע מאל כדי צו מהדק זיין די קשר, איז מדת חסידות צו פאסטן, אדער אויסלייזן מיט צדקה[16] (דורך פרעגן פארדעם א שאלה). דעריבער זאל מען אייביג גוט ארומשפירן מיט די הענט צו די רצועה ליגט אויפן ריכטיגן אופן[17].

אויב איז עס געווארן איבערגעדרייט בשעת'ן לייגן, און מ'האט דאס גלייך פאררעכטן איז נישט קיין חשש[18].

---

1 שו"ע (סי' לט ס"י).

2 מ"ב (סקכ"ו).

3 שלחן הטהור (סי' לט ס"ב) אשל אברהם (בוטשאטש). אבל תפילין שבזמננו העשויים בהידור יש שכתבו שנכון ליזהר, דע"פ הרוב מצויים תקלות רק לאחר שנפתחו, ותיקנום מחדש.

4 שועה"ר (סי' כז ס"ז), ומ"ב (סקט"ז).

5 מ"ב (סי' כז סקי"ד): 'נראה דמה שרצועה חוצצת לפעמים בין תפילין לבשרו לא מקרי חציצה דמין במינו אינו חוצץ, ומלבושי שרד משמע דבנכון לכתחילה להחמיר בזה'. ובכף החיים (סקי"ט) 'וכן לפי דברי האריז"ל אין נכון לעשות כן כי זו בחינה בפני עצמה וזו בחינה בפנע"צ ואיך יפסיק בה בין תפילין לבשרו'.

6 מ"ב (סי' כז סקט"ז): 'משמע מדברי המג"א והח"א דאם יש לו מכה בראשו, ורק במקום שהרצועות מונחים, ולא במקום הקציצה, מותר לו להניח הרצועות על גבי סמרטוטין שעל המכה, או על גבי כובע דק ולברך, אף על גב שיש חציצה בין הרצועות, כיון דבמקום הקציצה אין חציצה, וכן בשל יד אם יש לו מכה, אפלו במקום הקף הקשר שסביב ידו, מותר לו להניח היקף הקשר על גבי סמרטוטין, ולברך, אך בזה יזהר לכסות מלמעלה כדי שיתקיים לך לאות ולא לאחרים לאות'.

7 מ"ב (סק"כ).

8 מ"ב (שם), ועי' בשו"ת עמק התשובה (ח"ו סי' ד).

9 כדין מי שאין לו אלא תפילין של ראש שמברך שתים על של ראש (כמבואר בהגהות הגר"ח צאנזער על סק"ח). ראה שו"ת מנח"י (ח"ב סי' מו), ושו"ת חלקת יעקב (או"ח סי' ו ז). ועי' בשו"ת תשובות והנהגות (ח"א סי' ל"ז) שס"ל דבכל אופן יברך ברכת להניח על של יד להנוהגין לברך ב' ברכות, ויכוון לפטור את של ראש ואח"כ יברך על של ראש על מצות כרגיל עיי"ש טעמו.

10 שו"ע ורמ"א (סי' כז ס"ד) 'לא יהא דבר חוצץ בין תפילין לבשרו לא שנא של יד לא שנא של ראש', ומ"ב (ס"ק יד) 'אפילו חציצה כל דהוא' ובס"ק טז) כותב 'והאחרונים כתבו דאין להקל רק במקום הכריכות, אבל מה ששייך להקשירה יש להחמיר, אף ברצועות בין בשל יד ובין בשל ראש'. אכן בפמ"ג (משב"ז סי' כז סק"ד) ובשו"ת יד אליהו (סי' ג) מובא בכף החיים (סק"כ) דחציצה בחינם בלי צורך פשיטא דאינו נכון אף ברצועות, אבל ביש לו איזה צער וקפידא וכדו' אז אין להקפיד.

11 במחצה"ש (סי' כז סקי"ז) בדין נתהפך הרצועה כותב: 'עיקר הזהירות כי אם מה שמסבב הזרוע במקום ההידוק, וכן ג' כריכות שעל האצבע, אבל ז' כריכות שסביב הזרוע אין קפידא'. ולפי"ז יתכן שגם לענין חציצה הוא כן.

12 פרמ"ג (סי' כז משב"ז סק"ד) 'עי' טו"ז בשם לבוש דמה ששייך לקשירה נכון להחמיר, ולכתחילה אף בכריכות נמי ראוי להניחם על בשרו, ובשל ראש מה שתלוי על בגדיו אין להחמיר כלל'.

13 עיין בשע"ת (סי' כ"ז ס"ק ו) בשם הברכ"י עפ"י הגהות מיימוניות (פ"ב מהלכות עבודת יוה"כ ה"ב) שכהן גדול היה מסתפג לאחר טבילתו כדי שלא יהיה הפסק ע"י המים בין בגדיו לבשרו, אבל באות חיים ושלום (מונקאטש סי' כז סק"ג) בשם שו"ת שם שלמה דבשל יד יש להחמיר לנגב היטב המים שנמצא עליו, משא"כ בתפילין של ראש לא חייץ. וכן בשו"ת דברי משה (האלבערשטאם ח"א סימן א) כתב דמעט מים הנשאר בשערות לאחר שנסתפג באלונטית לד"ה אין בו חשש, ובזה מיישב המנהג למה גדולים וטובים אין מקפידים בזה.

14 שו"ע (ס' לג ס"ג)

15 שו"ע (סי' כז סי"א), מ"ב (ס"ק לז לח).

16 שועה"ר (סי' כז סי"ט) 'ואם יתהפכו בשוגג מדת חסידות להתענות', מ"ב (ס"ק לח) 'מדת חסידות להתענות או לפדות בצדקה'. אכן באליה רבה (סקי"ג) ובארצות החיים (סקע"א) כתבו 'אם הפכה וכו' משמע דאפיך בכוונה וכן מסתבר'.

17 מ"ב (סקל"ט).

18 ברכי יוסף (סי' כז ס"ד) 'משמע דאף אם נתהפכה בשעת הנחה, אם תקנה תיכף לא מיקרי פושע', ובא"א (קמא סי' כז ס"י) כתב 'נראה שאין זה כלל, כי אם כשהיו עליו התפילין כן ברצועה מהופכת כל היום, ועכ"פ עד אחר זמן קר"ש, ואח"כ ראה שהיא מהופכת ואיגלאי מילתא למפרע שהיתה מהופכת עליו מתחלת הנחתו התפילין עליו ביום ההוא, דוקא בכה"ג הוא ששייך מדת חסידות להתענות, משא"כ אם בשעת הנחת התפילין עליו ראה תיכף שהרצועה היתה הפוכה, ותיקן תיכף והפכה כראוי, א"צ לומר אם עשה כן קודם הברכה שעל התפילין הרי פשיטא שאין כאן שום חשש, ומצד מה שאין הנחת תפילין של ראש כ"כ תיכף לשל יד עי"ז אין ע"ז חשש קפידא, והרי עושים הז' כריכות של יד ביניהם, גם שאינן מעכבות לכו"ע וכו', ומסתבר שהחסידות להתענות הוא רק כשהי' כל זמן קר"ש'.

איבערצוגעבן אייער בריוו
שיקט א בריוו איוף פאסט 11 Van Buren Dr. #205 Monroe, NY 10950
שיקט א פעקס 845.610.8674
לאזט א מעסעדזש אויף קול איחוד 718.451.8674 Ext. 841
וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוו אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.

## צעטעלע פון מרן רביה"ק זי"ע – נא ונא אל תצער את השכינה...

לכבוד מערכת "איחוד טאהש" וגליון "באור החיים".

איך לאז איבער די פאלגענדע מעסעדזש פשוט אלס אן אחריות, כדי אזא הייליגע זאך זאל נישט פארלוירן גיין.

איך האב געהאט א צעטעלע וואס איך האב אפגעקויפט פון הרה"ח ר' נפתלי ראטענבערג הי"ו פון מאנסי, וועלכער פלעגט דאווענען אינאיינעם מיט'ן רבי'נס מנין זייענדיג א תלמיד הישיבה. זעהט אויס אז עפעס א בחור'ל האט זיך דארט אמאל ארומגעדרייט און געשטערט דאס דאווענען, האט אים דער הייליגע רבי געשריבן מורא'דיגע ווערטער אויף א צעטעלע, איך האב דעם צעטל אפגעקויפט, אבער איך האב עס פארלוירן.

איך וויל נישט אז די זאך זאל פארגעסן ווערן, עס דארף בלייבן לזכרון עולם די מורא'דיגע הייליגע ווערטער וואס יעדער איד דארף שטענדיג חזר'ן. אויפ'ן צעטל איז געשטאנען אזוי "**נא ונא, אל תצער את השכינה הקדושה, ותעמוד במקום אחד ותתפלל בקול גדול, ותענה אמן יהא שמיה רבא בקול רם**", אזוי איז געשטאנען אויפ'ן צעטל וואס דער רבי האט געוויזן פאר די בחורים. ווען דער רבי האט נישט געוואלט ארויסרעדן מיט'ן מויל, האט ער דאס געשריבן פאר ר' נפתלי'ן ער זאל עס ווייזן פאר די אנדערע בחורים.

דאס איז געווען די לשון: "נא ונא, אל תצער את השכינה הקדושה, ותעמוד במקום אחד ותתפלל בקול גדול, ותענה אמן יהא שמיה רבא בקול רם". דאס זענען מורא'דיגע ווערטער, און היות עס איז א שאד עס זאל פארלוירן גיין, געב איך די רשות צו מפרסם זיין דעם מעסעדזש.

יוסף הערש ליבערמאן מ'בעסערמין מאנסי

## נאך זיבעצן יאר שיקט דער רבי נאכאמאל געבענטשע מטבע דורך דאקטאר לעווין ביים ציון אין ליבאוויטש

א גוטן לכבוד דעם מדור "מאנ"ש לאנ"ש". איך וויל דערציילן א מורא'דיגע מעשה וואס איז כדאי ארייננצולייגן אינעם גליון.

עס האט פאסירט מיט א איד פון ארץ ישראל, ר' ישעי' בלויא, וועלכער איז צוליב א געוויסע עסקנות געקומען אהער קיין טאהש. די זאך וואס ער האט געדארפט מסדר זיין דא האט זיך ווייט נישט אויסגעארבעט וויאזוי ער האט געוואלט, און ער איז געווארן היבש צובראכן דערפון. ער איז דאך געקומען צו פליען אזוי ווייט פון ארץ ישראל כדי צו מסדר זיין דעם ענין, און יעצט האלט ער שוין ביים צוריקפארן אהיים ווען די זאכן זענען געפארן אינגאנצן אנדערש ווי געפלאנט.

איז ער ארויפגעגאנגען מתפלל זיין ביים ציון הקדוש פונעם הייליג'ן רבי'ן זי"ע, עס איז דאן געווען י"ב תמוז, און ער האט געהאלטן ממש פארן פארן קיין ניו יארק צו כאפן א פליגער אהיים. פונקט איז נישט געווען קיין גרויסער עולם ביים ציון, האט ער זיך אויסגערעדט זיין הארץ און זיין וויטאג פארן רבי'ן, אז עס גייט אים נישט וויאזוי ער וויל, ער האט אזוי גערעדט צום רבי'ן בפרטיות א שטיק צייט, און דערנאך זאגט ער: "הייליגער רבי, איך בין דא געווען זעכצן אדער זיבעצן יאר צוריק אין טאהש ביי א ראש חודש סעודה, און איך האב באקומען פונעם רבי'ן א געבענטשטע מטבע לשמירה וברכה, אבער איך האב עס ליידער פארלוירן, עס טוט מיר זייער ווי אז איך האב עס נישט, אבער דער רבי זאל זען אז די ברכה און הצלחה זאלן כאטש ווייטער חל זיין, אפילו איך האב שוין נישט די מטבע." אזוי האט ער זיך אויסגעדריקט שטייענדיג דארט ביים ציון הקדוש.

פון דארט איז ער געפארן קיין ניו יארק, וואו ער האט געדארפט כאפן א פליגער אויפן וועג אהיים קיין ארץ ישראל. וויבאלד ער האט נאך געהאט אביסל צייט, האט ער געטראכט צו זיך, אז היינט איז דאך י"ב תמוז, דער יום הצלה פון דעם מהריי"ץ מ'ליובאוויטש זי"ע, וועט ער צוגיין צום אהל פון די אדמו"רי בית חב"ד מתפלל זיין.

אנקומענדיג דארט צום ציון אין קווינס, זעט ער ווי א גרופע אידן טרינקען לחיים אינדרויסן פונעם אהל, און ער האט זיך צוגעזעצט מאכן א לחיים אינאיינעם, און ווען ער האט שוין געהאלטן ביים ווייטער גיין, רופט זיך אן א איד צו אים, א ליובאוויטשער חסיד, און זאגט אים: "ר' איד, איך האב אייך ליב." ער קוקט אים אן מיט וואונדער: "איר האט מיר ליב? איר קענט מיר דען?"

ענטפערט יענער: "ניין, אבער איך האב אייך ליב." פרעגט ער אים: "וואס מיינט דאס איר האט מיר ליב, אויב איר קענט מיר אפילו נישט?"

האט אים דער חסיד אנגעהויבן מסביר צו זיין לויטן ספר התניא, אהער און אהין; און ער זאגט אים וואס דער תניא שרייבט אין פרק ל"ב איבער 'ואהבת לרעך כמוך', אז א איד דארף ליב האבן יעדן איד מיט דעם גאנצן הארץ, און אזוי ווייטער, זאגט דער איד פאר'ן ליובאוויטשע חסיד: "איר האט מסתמא ליב דעם תניא, אבער איר זאגט אז איר האט 'מיך' ליב, ווען איר קענט מיך דען בכלל נישט".

דער ליובאוויטשע חסיד טראכט א רגע, און רופט זיך אן, "איר האט שוין געהערט פונעם טאהשער רבי'ן זצ"ל?" זאגט ער אים: "יא, אוודאי", זאגט ער אים: **"איך בין געווען דעם טאהשער רבי'ס דאקטער אין פלארידע, מיין נאמען איז דאקטאר לעווין, און איך האב באקומען עטליכע מטבעות פונעם טאהשער רבי'ן זצ"ל."** בשעת מעשה נעמט ער ארויס זיין בערזל, ער ציט ארויס א מטבע און זאגט אים: **"איך געב דיר דא דעם רבי'נס מטבע פאר שמירה וברכה, ווייל איך האב דיר באמת ליב."**

דער ר' ישעי' איז געווען אזוי איבערראשט, ער האט געמיינט אז ער חלש'ט, טראכטנדיג ביי זיך: **"איך קום דאך יעצט פונעם ציון הקדוש אין טאהש, וואו איך האב זיך אויסגעבעטן ביים רבי'ן און אים דערציילט אז איך האב פארלוירן די מטבע וואס איך האב באקומען מיט יארן צוריק, און איך וויל עס זאל ווייטער ברענגען שמירה והצלחה, און אט, נאך אינעם זעלבן טאג, האט מיר שוין דער רבי געשיקט א נייע מטבע לשמירה ולברכה והצלחה!"** זייענדיג אזוי נבהל ונשתומם פון דעם וואס עס פאסירט דא מיט אים, האט ער פאר גרויס התרגשות נישט געקענט עפענען דאס מויל, און אפילו א 'יישר כח' פארן באקומען די מטבע האט ער נישט באוויזן ארויסצוזאגן.

אביסל שפעטער, ווען ער האט זיך שוין בארואיגט פון דעם וואס ער האט יעצט מיטגעלעבט, האט ער פרובירט אויפצוזוכן דעם דאקטער, אבער ער האט אים מער נישט געקענט געפינען, ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי די מענטשן דארט פאר מער פרטים ווער דאס איז געווען, און מען האט אים טאקע באשטעטיגט אז דאס איז א דאקטער פון פלארידע, "דאקטאר לעווין", נאר ער איז שוין אוועקגעפארן פון דארט מיט עטליכע מינוט צוריק, מ'האט אים דארט געגעבן דעם דאקטער'ס טעלעפאן נומער כדי ער זאל אים קענען אנרופן.

ווען ער האט געהאט א געלעגנהייט אים צו רופן, איז דער דאקטער שוין געווען אין מיאמי. ער פרעגט דעם דאקטער: "דו מוזט מיר זאגן, פארוואס האסטו מיר אוועקגעגעבן די מטבע פונעם טאהשער רבי'ן? קענסטו מיך אפשר פון ערגעץ?"

ענטפערט ער אים: "ניין, איך ווייס נישט ווער דו ביסט, איך האב דיר דאן געזען דאס ערשטע מאל, און איך ווייס טאקע נישט פארוואס איך האב דאס געטון. איך האב נאך פאר קיינעם קיינמאל נישט אוועקגעגעבן קיין מטבע, אבער ווען איך האב דיך אנגעטראפן, האט מיר מיין הארץ געזאגט דיר צו געבן א מטבע..."

די מעשה האב איך נאכגעהערט פון איינעם לעצטנס, און ווען איך האב אנגערופן דער בעל המעשה צו באשטעטיגן ערשטהאנטיג די פרטי המעשה, האב איך אים געפרעגט צו איך מעג עס מפרסם זיין, האט ער מיר קודם געפרעגט; וואס פעלט עס אויס, און פארוואס איך וויל עס מפרסם זיין, האב איך אים געזאגט אז הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א, מו"ל פון די הייליגע ספרים 'עבודת עבודה', האט געהערט די מעשה, און ער האט מיר געזאגט אז ער האלט אז די מעשה מוז מען מפרסם זיין, און ער וויל אז ס'זאל אריינגיין אינעם גליון 'באור החיים'.

הערנדיג איבער די ספרי 'עבודת עבודה', רופט זיך דער איד אן: "אזוי? 'עבודת עבודה'?! די לעצטע צען יאר גייט דער הייליגער ספר 'עבודת עבודה' נישט אראפ פון מיין טיש! יעדן טאג לערן איך אין דעם", ממילא אויב דער מו"ל פון די הייליגע ספרים עבודת עבודה האלט אז מען זאל מפרסם זיין די מעשה, געבט ער גערן רשות עס צו פארשפרייטן ווייטער.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

יעקב אליעזר צוויבל, פה קרית טאהש









# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב

## קהילותינו ומוסדותינו הקדושים

צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

# העפטיגע הכנות אין פולן שוואונג צום בעפארשטייענדן יו"ט ל"ג בעומר בצל הקודש - דערהויבענע מעמד הדלקה על פני ככר המוסדות וועט פארקומען ליל ל"ג בעומר הבעל"ט - שלחן הטהור יום ל"ג בעומר וועט פארקומען דינסטאג מיטאג קאמבענירט מיט'ן שמחת התנאים פון נכדת רבינו און סיום מסכת בחבורת מזון הנפש - אש"ל און טראנספארטאציע ווערט צוגעשטעלט פאר אנשי שלומינו - ספעציעלע געלעגנהייט ווערט געגעבן פאר חכמי לב צו נעמען א חלק לכבוד התנא אלוקי

שטייענדיג וויינעגער ווי 2 וואכן אפגערוקט צום געהויבענעם טאג ל"ג בעומר, זענען שוין די העלדישע עסקני קהילתינו הק' אריינגעטון אין די סאמע הכנות צום דערהויבענעם בעפארשטייענדן יו"ט, נעמנדיג אין באטראכט די חוסר הזמן, שטייענדיג אזא קארגע צייט צום יום הנשגב, און פון די אנדערע זייט די ריזיגע ארבעט וואס דארף אויסגעפירט ווערן כדי אלעס צוצורישן אויפ'ן העכסטן און שענסטן פארנעם.

ל"ג בעומר בצל הקודש איז פקיע שמיה צווישן אנ"ש אלץ א דערהויבענעם יום המסוגל בצל הקודש, ווי רביה"ק זיעועכי"א פלעגט זיך שטענדיג אויסדרוקן 'רבי שמעון איז דא'.

פילע אנשי שלומינו פונדערווייטנס קומען מיטהאלטן די דערהויבענע זמן בצל הקודש, אנגעהויבן מיט תפלת מעריב און ספירה ציילן, און תיכף דערנאך ווען עס הייבט זיך אן די מרוגש'דיגן ווארימע מעמד בהתאסף כל קהלא קדישא הדין. אזוי אויך האט די מעמד הדלקה קונה שם געווען אלץ א יחיד במינו אינעם גאנצן קאנאדישע אידנטום, וואס דאס ברענגט מיט מיט זיך א פלייץ פון פילע געסט פון מאנטריאל און ארום.

זעהנדיג דעם ריזן ציבור וואס ווערט נתרבה מדי שנה בשנה, לייגן די עסקנים אריין פולע כוחות, און זענען משקיע אסאך צייט אהערצושטעלן די מעמד ברוב פאר והדר לכבוד התנא אלוקי, און עקסטער לייגט מען א שטארקע דגוש אז די אויסשטעל פונעם מעמד זאל זיין אויף די פאסיגסטע אופן צו אקאמאדירן די ריזן ציבור הנאספים, אנשים נשים וטף וועלכע קומען פון נאנט און פון ווייט מיטצוהאלטן די דערהויבענע מעמד.

ווי אין די פארלאפענע יארן וועט די מעמד הדלקה פארקומען ליל ל"ג בעומר, מאנטאג בה"ב ביינאכט, אנגעהויבן מיט תפלת מנחה ומעריב בכניסת היום בהיכל ביהמ"ד הגדול, נאכפאלגענדיג ספירה ציילן ברוב עם, און תיכף דערנאך וועט פארקומען די גרויסארטיגע מעמד הדלקה בהתרוממות הנפש ושמחה של מצוה.

ביים מעמד ההדלקה על פני ככר המוסדות, וועט זיין צוגעשטעלט ספעציעל דעזיגנירטע ערטער פאר די זקני ופני העדה, און פון ביידע זייטן פון די אויבן אן וועט זיך ציען די פארענטשעס פון די הונדערטער בחורי הישיבות אברכי הכולל וילדי תשב"ר, און אזוי אויך ביי די שטח דעזיגנירט פאר די נשים צדקניות לייגט מען אריין גרויסע כוחות אז עס זאל זיין צוגעשטעלט פאר די עלטערע נשים ספעציעלע דעזיגנירטע ערטער מיצוהאלטן די מעמד, און די בנין התלמוד תורה וועט זיין אפן פאר צרכי ציבור.

במשך די גאנצע צייט פון די מעמד הדלקה וועט זיין צוגעשטעלט ח"י רוטל משקה צוגעשטעלט דורך קרן חתנים שע"י ישיבתינו הק' ישיבה גדולה אור החיים אויף א גאר ברייטע פארנעם להחיות בהם נפש כל חי.

א עקסטערע געוויכט ווערט געלייגט דורך די סגל העסקנים צוצושטעלן אש"ל און טראנספארטאציע פאר די הונדערטער געסט וועלכע קומען מיטהאלטן די דערהויבענע מעמד בצל הקודש, און אויך א ספעציעלע זמן פאר קבלת קהל.

די שלחן הטהור לכבוד היום וועט פארקומען ביום ל"ג בעומר, דינסטאג אום 6:30 נאכמיטאג בהיכל ביהמ"ד הגדול, ווי עס וועט ווערן צוגעגרייט א רייכע סעודה לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי. און ווי אויך וועט בעת דעם שלחן הטהור פארקומען די קריאת התנאים פון נכדת כ"ק מרן רבינו שליט"א, בת לחתנו הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, און ווי אויך וועט פארקומען די סיום מסכת בבא בתרא והתחלת מסכת סנהדרין אינערהאלב חבורת מזון הנפש - ה' עמודים לשבוע.

א ספעציעלע געלעגנהייט ווערט געגעבן פארן ברייטן ציבור אנ"ש, צו נעמען א גלייכן און באדייטנדן חלק אין די גרויסע הוצאות פונעם מעמד הנשגב, דורך קויפן אויל, וועלכן מען וועט אליין האבן די זכי' צו גיסן להדלקת המדורה לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי זי"ע. - נעמענדיג אין באטראכט די אסטראנאמישע סומעס וואס ווערן פארלאנגט אהערצושטעלן אזא ריזיגן מעמד ברוב פאר והדר, ווערט דאס פאררעכנט אלס א זעלטענע געלעגנהייט זיך צו איינקויפן גרויסע זכותים, און דער ציבור אנשי שלומינו, פארשטייען און שעצן די זכות התנא אלוקי, וכדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק. פאר פרטים קען מען זיך ווענדן צום געטרייען משב"ק מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו.

אין די איצטיגע פארבליבענע טעג ווערן געפלאנט א רייע אסיפות העסקנים, צונויפברענגען א ריכטיגן ארמיי פון העלדישע עסקנים וועלכע זאלן שטיין על המשמר אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט, און אויספלאנירען אלע וויכטיגע דעטאלן וואס עס נעמט אריין אינעם הצלחת המעמד.

תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו אדונינו בר יוחאי

**ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - נ.י.**

# ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה:

זמן הקיץ אנגעהויבן בע"ה דינסטאג תז"מ כ"ז ניסן מיט א פעסטע קבלה צו פארענדיגן און זיך פארהערן גאנץ מסכת גיטין

ברוב שבח והודאה להשי"ת האט מען אנגעהויבן בשעטומ"צ דעם נייעם זמן הקיץ, דעם פארגאנגענעם דינסטאג פר' תז"מ, כ"ז ניסן העעל"ט.

ביים אנקומען האט דער חשובער מנהל שליט"א מקבל פנים געווען די בחורים כראוי, און האט גלייכצייטיג פארטיילט די מתן שכרה בצדה, פאר די שעות רצופות וואס די חשובע בחורים האבן געלערנט בהתמדה וברצופות די לעצטע וואך וואס מ'האט אריינגעצויגן אין חודש ניסן, וועלן מ'האט געענדיגט דעם זמן החורף ז' ניסן העעל"ט.

צו מארגענס מיטוואך האט דער חשובער מנהל שליט"א געהאלטן די דרשת פתיחת הזמן, געבענדיגע הויפענעס חיזוק, און עצות והדרכה מצליח זיין בתורה עבודה יר"ש ומדות טובות, און מיט א שטארקע הסבר איבערגעגעבן דעם אין דבר העומד בפני הרצון.

דער קול תורה איז בוקעת ועולה דורכאויס אלע סדרי הישיבה, די גאנצע ישיבה איז איינגעשפאנט אין א פלאקער, גרינטלעך צו לערנען אלע סדרי הישיבה, און אויך איבער צו חזר'ן די לימודים פון פאריגע זמן, כדי אז סוף זמן זאל מען האבן קונה געווען דורכאויס דעם יאהר תשפ"ו מיט א בהירות גאנץ מסכת גיטין בע"ה כמונח בקופסא.

שיעור עיון איז מען ווייטער ממשיך פרק השולח, אזוי וועט מען בע"ה קונה זיין גאנץ פרק השולח שיעור עיון מיט תוספות. שיעור פשוט לערנט מען יעצט פרק חמישי הניזקין. שיעור בקיאות האלט מען פרק שלישי כל הגט.

ביים סדר הלילה איז דא א ספעציעלע סדר החזרה אויף די לימודים פון פאריגע זמן החורף.

לתועלת הבחורים איז ערשינען א הערליכע פראקטישע 'לוח חזרה' וואו מ'קען זיך פארצייכענען יעדע איינציגסטע עמוד אין מסכת גיטין, וויפול מאל מ'האט גע'חזר'ט, און ביי וועם מ'האט זיך פארהערט וכדו'.

המאחרים לצאת, וממהרים לבא... וקול התורה נשמע בגבולינו...

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

תזריע-טהרה - תשפ"ו לפ"ק

## דינסטאג פר' תזריע-טהרה

פארנאכטס איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א, די שמחת התנאים פון החתן חיים נחום מערמעלשטיין נ"י תלמיד ישיבתינו הק', ב"ר יואל מערמעלשטיין הי"ו, עב"ג הכלה בת מוה"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו.

דער רבי האט געליינט תנאים, געטרינקן און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר חתן וכלה, און פאר די מחותנים ובני משפחה.

שפעטער ביינאכט האט דער רבי מפאר געווען די שמחת הבר מצוה פון בן הרה"ח ר' יחזקאל ווייס הי"ו, חתן הרבני הנגיד ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו, דער רבי האט געטרינקן לחיים און אנגעוואונטשן פארן בר מצוה בחור, עלטערן און זיידע'ס ברכות לרוב.

דערנאך האט דער רבי זיך משתתף געווען ביים שמחת הוואכנאכט פון בן הנולד צו מו"ה יוסף צוויבל הי"ו, בן מוה"ר יעקב אליעזר הי"ו חתן הרב ישראל זונדל סאנדעל שליט"א. דער רבי האט געליינט קריאת שמע געזאגט המלאך, געטרינקן לחיים און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די אבי הבן און זיידע'ס ובני המשפחה.

## מיטוואך פר' תזריע-טהרה

ביינאכט האט רבינו שליט"א מנחם אבל געווען טעלעפאניש ביי הרה"ח ר' יונתן שווארץ הי"ו ואחיו הרה"ח ר' בנציון שווארץ הי"ו, וועלכע זענען געזעצן שבעה נאך זייער פאטער ע"ה, ווי דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## שב"ק פר' תזריע-טהרה

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

⬩

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו פון מאנסי. מיט די זמירות: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, האדמו"ר מ'ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל, הרה"ג ר' אלחנן יונגער שליט"א ר"מ בישיבה גדולה סאטמאר, הרה"צ ר' אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א פון קרית יואל נכד רביה"ק זי"ע, מו"ה שלמה לייב גראס הי"ו.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

במשכן' טיש האט מען געזינגן פאסיגע ניגונים לכבוד ראש חודש. דער רבי האט טועם געווען און געטיילט שיריים פון א ספעציעלע קוגל לכבוד שבת ר"ח. מיט ברכי נפשי איז מכובד געווארן מוה"ר משולם זושא אונגאר הי"ו פון מאנטריאל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אב"ד קלוזש שליט"א, שיר המעלות הב' שמעון בה"ר ישראל זונדל סאנדעל נ"י.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מוה"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס הי"ו חבר מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו. דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, און געעבן שיריים און געוואונטשן לחיים פאר די בעל שמחה און זיידע'ס ובני משפחה. שבת נותנים לו מו"ה שלום דוד גוטמאן הי"ו פון וומסב"ג.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⬩

שבת אינדערפרי' האט דער רבי' פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א לרגל די יארצייט פון אביו ע"ה בו ביום. שחרית האט געדאווענט מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי מוה"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, רביעי מו"ה יחזקאל ברוך פעלדמאן הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו,

ששי כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שביעי מו"ה אלתר שלמה דעססער הי"ו, הוספה: מו"ה שלמה לייב גראס הי"ו, אחרון מו"ה יואל זוסמאן פישער הי"ו.

הגבה אויפן ערשטן ספר תורה הרה"ח ר' יודל זילבער הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מו"ה אשר ענזיל אונגאר הי"ו פון וומסב"ג.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. דער רבי האט עולה געווען מפטיר - ר"ח. הגבה אויפן צווייטן ספר תורה מוה"ר משולם זושא אונגאר הי"ו פון מאנטריאל, גלילה מו"ה מאיר פריעדמאן הי"ו פון מאנטריאל.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר יואל שפיטצער הי"ו פון וומסב"ג.

◆

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די אורחים החשובים בהיכל הטישן איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' משולם פייש ראזענבוים ני"ו, נכד רבינו שליט"א.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' אהרן דוד גרין הי"ו פון בני ברק, ברכי נפשי הרה"ח ר' יודל זילבער הי"ו פון וומסב"ג.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען האדמו"ר מ'ראדאשיץ שליט"א.

◆

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"ג ר' יואל פילאפף שליט"א מו"ץ, נכד רביה"ק זי"ע.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א. די עליות האבן עולה געווען: כהן מו"ה אלימלך אהרן הערמאן הי"ו, לוי הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו פון מאנסי.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו, הרה"ח ר' שלום מיכל ארגעל הי"ו, הרה"ח ר' חיים יחזקאל גאדינגער הי"ו פון ירושלים, הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו.

שיר המעלות הב' יעקב מאיר ב"ר יצחק דוב וויינבערגער ני"ו. ברהמ"ז על הכוס און צו מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, די הבדלה האט געהאלטן מו"ה אשר ענזיל אונגאר הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א צו דערציילן סיפורי צדיקים.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.









מזון הנפש

בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

## במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת אמור =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק אח"ק | דף פו: | דף פג. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף פז. | דף פג: | דף קעג. | דף קע: |
| מאנטאג | דף | דף פד. | דף קעג: | דף קעא. |
| דינסטאג | דף פח. | דף פד: | דף קעד. | דף קעא: |
| מיטוואך | דף פח: | דף פה. | דף קעד: | דף קעב. |
| דאנערשטאג | דף פט. | דף פה: | דף קעה. | דף קעב: |
| עש"ק פסח שני | דף פט: | דף פו. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' שבוע שחל בו שבועות
חבורת ז' עמודים - פא. - צד:
חבורת ה' עמודים - קע. – סוף המסכת

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

פרנס
השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
הר"ר **יושע אלעזר סג"ל טירנויער**
שליט"א

לע"נ אביו הר"ר מרדכי יצחק ע"ה בן
הרה"ג ר' אלימלך הלוי שליט"א טירנויער
יארצייט ביום י"ד אייר - עש"ק אמור
הבעל"ט
ת.נ.צ.ב.ה.

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

# קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950